און אזוי האט ער שוין פארלוירן די מאכט, אויף וועלכע שוואכלינגען שטיצן זיך. אביסל דאלארן אבער איז אים פארבליבן, און אויך די דאזיקע „פעסטונג“ האט אים געמוזט חרוב ווערן. מען האט געמוזט צווינגען דעם אפגעשוואכטן שונא צו פולשטענדיקער קאפיטולאציע!

זייענדיק אין דייטשלאנד אויפן וועג קיין אמעריקע, האבן גיטלס קינדער גענומען מאכן אן אטאקע אויף דער דאלאר־פעסטונג זיינער. דורך פארשידענע אויסריידן האבן זיי ביי אים צעשלעפט די דאלארן, מכלומרשט אויף אפצאלונגען אין ביוראס אדער סתם אזוי ארויסגעשלעפט זיי אים פון זיינע כאלאטן־קעשענעס בשעת ער איז אזוי געגאנגען איבער די גאסן אין ברעמען, צעכראסטעט און פאריאבמערט, פאכנדיק מיט די הענט . . . צווישן גיטלס קינדער און דעם ייד פון בריסק האט זיך אנטוויקלט א א פארביטערטער קאמף ביזן לעצטן דאלאר . . .

דער לעצטער „צוריק־טריט“ פאר דעם פארשוין, ארויפקומענדיק אויף דער שיף, איז געווען א זאק סוכארעס, וואס ער האט מיטגענומען „זיך צו דערכאפן דאס הארץ“. טאג און נאכט איז ער געלעגן אויפן דאזיקן זאק, נישט צולאזנדיק קיינעם צו אים. ביינאכט פלעגט מען אים הערן בורטשען; דאס האט ער זיך, אזוי צו זאגן, אויסגערעדט זיין ביטער הארץ פאר די סוכארעט, און זיי אויס מיטלייד האבן, נעבעך, געקרעכצט און זיך צעקרישלט אונטער אים.

די קינדער האבן געדולדיק געווארט אויסצופירן דאס שפיצל, וואס זיי האבן געפלאנעוועט, אן „אטנטאט“ אויפן זאק סוכארעס. בלילה ההוא נדדה שנת המלך, אינמיטן דער נאכט איז דעם אלטן נישט גוט געווארן, און גיטל ער איז צען מינוט שפעטער צוריק אראפגעקראכן אין דער קאיוטע אריין, איז האט אים ארויפגענומען אויפן דעק, כדי צו כאפן אביסל פרישע לופט. און ווען שוין געווען נאך אלעמען . . .

ווען די קינדער האבן ארויפגעטראגן דעם זאק סוכארעס אויף דער אנדערער זייט דעק, האט זיך דער זאק פלוצלינג ארויסגעגליטשט פון זייערע הענט, ווי רוחות וואלטן אים געריסן און — פליאך! — א כוואליע האט אים געגעבן א כאפ ארום און פארטראגן אין די טיפענישן פון אטלאנטישן ים.

קיין אמעריקע האט מען די פאמיליע נישט אריינגעלאזט, אבער פאר גיטלען מיט די קינדער איז דאס פשוט געווען א לופט־רייזע.

צוריקגעקומען קיין ווארשע, האט ערשט דער ייד פון בריסק געכאפט די אמתע המנס מפלה! גיטל האט אים פשוט ארויסגעווארפן פון שטוב און אים נאכגעווארפן זיינע שמאטעס דורכן פענסטער. מ'האט אים בלויז צוגעפעלט זרשס שעפל אויפן קאפ . . . און ביי גיטל דער אלמנה איז געווארן ששון ושמחה ויקר.

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער

שבת, דעם 9'טן מערץ — אַ פורים־פּראָגראַם: שלום עליכם, משה נאַדיר, דער טונקלער. יעקב ריכטיגער: איבער מגילת־אסתר.

שבת, דעם 16'טן — בעלא וויינער—„20 יאָר וואַרשעווער געטא־אויפשטאַנד“.

שבת, דעם 23'סטן — א רעפעראַט פון מאָריס מינדעל.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 378) פיר און צוואַנציקסטן יאָר אַפּריל 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

צום 20'סטן זכרון יאָר, צום 19'סטן אַפּריל, ווארשעווער געטא אויפשטאַנד, דאס עם הספר, פסח־באַלאַדע 1963 ........ ** 1

די נסים פון יציאת מצרים (עסיי) ........ י. ריכטיגער 6

דער הערצל וואלד (ליד) ........ חיים וואַלדמאַן 9

די שפּייזער (נאָוועלע) ........ אברהם סילקעס 10

לזכרון פון א קינד ........ ח. נ. בענקוויטש 13

בעלזען, (ליד) ........ אנהטאָני ראלינגס 15

מיין מאמע (פּאָעמע) ........ יוסף לעפּטוויטש 16

עס וועט קומען א צייט, פרילינג (לידער) ........ עלע זילבערג 17

נאָטיצן פון א לייענער: אין איין כאר, א ליטעראַרישע פאָרשטעלונג מ. אַלמאַן 18

א דאך איבערן בנין פון יידיש (עסיי) ........ געניע סילקעס 19

אין נאַכטלעכע שעהן (ליד) ........ שמואל ווהייט 21

מיינע לידער (ליד) ........ יוסף הלל לעווי 22

גזע און ירושה (פּראָזע) (שלוס פון קאַפּיטל) ........ א. נ. שטענצל 22

זלמן שניאורס אויגן, כתר תורה (צוויי מיניאַטורן) ........ ש. טענענבוים 33

יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## צוואַנציקסטע יאָר וואַרשעווער געטאָ - אויפשטאַנד

פון לאָנדאָן פאָרט אפּ אַ גרופּע מענטשן, און אויך שליחים פון רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, זיך צו באַטייליקן אין די פייערונגען אין וואַרשע און אין די טויטן־לאַגערן.

פון אַרבעטער־רינג פאָרט דער פרעזידענט און וויצע־פרעזידענט, עלעק וואַטערמאַן און אברהם האַלאַנד, צווישן די פאַרטרעטער פון די בראַנזשעס פון אַרבעט־רינג געפינען זיך די יידישע אַרבעטער און קולטור־טוער חבר בירנבוים און זעליק עפּלבוים. עס פאָרן אויך מלך שוואַרץ, בעלאַ ווײַנער און פרוי גאָלד־בערג, די פרוי פונם אַקטיאָר יידל גאָלדבערג.

אין נאָמען פון „לשון און לעבן" פאָרט מיט דער רעדאַקטאָר. היות דער באַשלוס צו פאָרן איז געקומען אין דער לעצטער מינוט, איז דער היינטיקער פּסח־נומער „לשון און לעבן" געקורצט געוואָרן מיט איניקע זייטן. דערפאַר וועלן איניקע זאכן און אויך די קולטור־ידיעות קומען אין נאָענטסטן נומער.

---

## א הזכרה צום יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ - אויפשטאַנד

פריינט פון יידיש־לשון, דאס יידישע לעזע־צימער און די חברים פון בונד טרעפן זיך אין אַדלער־האָל, אדלער סטריט, א.1., זונטאָג, דעם 21סטן אַפּריל, 3 אַזייגער נאָכמיטאָג, פּינקטלעך !

די הזכרה וועט מאַכן דער באַקאַנטער אַקטיאָר **לעאָן בלומענזאָן.**

זינגען געטאָ און לאַגער־לידער וועט **מאיר באָגדאַנסקי**

פון „אויסגעהרגטן פאָלק" וועט לייענען **נעט רובין**

רעדן וועלן : **רחל דאַניאַך** און **מאָריס מינדל**

פאָרזיץ : **יהודה ביעטש**

קומט אין צייט

---

## ביכער פון פאַרלאַג „לשון און לעבן"

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפּל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידעוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווּקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט", שמואל וואהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |
| גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל | 15/- |
| ווייטשעפּל שטעטל־ד׳בריטן פון א. נ. שטענצל | 30-- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון :
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

TOWER HAMLETS LIBRARIES



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 378) פיר און צוואַנציקסטן יאָר אַפּריל 1963 לאָנדאָן



### צום 20׳סטן זכרון יאָר

ליל שמורים התשכ״ג

און אויב פריי זיין, חרות, מיינט טויט נאָך בלויז,
שטאַרבן מיר בחברותא אלע צוזאַם :
פלאַמען־צונגען זינגען דאָס שירה־ליד,
און אונזער בלוט — דער געשפּאָלטענער ים.

יאָ, „בנערינו ובזקנינו" —
מחנות נאָך מחנות געשיקט שוין פאָראויס !
טויזנטער יאָר דערציילן מ׳וועט ווידער,
א וווּנדער, ווי די וועלט געוואַלטיק גרויס — — —

איך אבער וויאַזוי קאָן דערציילן,
פון א לעגענדע, „אַמאל איז געווען",
פון ווונדער קוים גלויביק, אַז די ווונדן,
אייגענע אויגן בלוטן נאָך געזען ?

### צום 19׳טן אפּריל

נישט איבערגעלעבט דעם שווערן ווינטער,
פריש צו באַזינגען די אַפּריל פאַרטאָגן —
דעם ווי געכאָוועט אין די לאַנגע נעכט,
דעם 19׳טן פריש אים אויסצוקלאָגן.

די זעקס קדושים־ליכט כ׳וועל אנצינדן,
זען מיין שוועסטער ברענענדיק אין די פלאַמען !
א רויז פלאַמט, פלאַמט און ווערט אלץ שענער — — —
און וויינען מיט אלע יידן צוזאַמען.

ס׳טריפן די טרערן — די טל־טוי־טראָפן !
נישט נאָר דערנדלעך אין די פלאַמען קנאַקן,
א פלאַקער — ווי געוואַלדיקע וועלדער
פאַר שייטער הויפנס מען וואלט זיי צעהאַקן.

ווי איך א שוועסטער, יענער א ברודער,
און דער א ווייב מיט אַלע זיינע קינדער,
וויפיל טאַטע מאַמעס — — נאָך זעקס מיליאָן
יאָרצייט בציבור צו האַלטן אַצינדער.

אלע יאר ווען די וואָרצלען, די געוויקסן,
וואכן אויף און נעמען זיך באַוועגן —
א קבר לעבעדיק באַגראָבענע,
גאַנצע ערד פאר מיינע אויגן געלעגן.

נישט איבערגעלעבט דעם שווערן ווינטער,
זען ווי פרילינג זון וועט ווידערקערן —
א וואקסן יאָרצייט־ליכט שמעלצט ציטערדיק,
שטיל טריפנדיק אין מיינע הייסע טרערן.

„יתגדל ויתקדש זעקס מיליאָן — —"
שטיי איך א יתום צווישן יתומים
דעם „אמן, יהא שמה רבא" זאגט נאך
דער אל מלא רחמים שוכן במרומים.

## וואַרשעווער געטא אויפשטאנד

דאס האלץ אין שייטערס שוין, דאס מעסער געשאַרפט —
טויזנט יאר צוגעגרייט צו דער עקידה!
און דער קרבן ליגט א געבונדענער שוין:
טאַטע און זון און אייניקל און זיידע.

א, ער איז צו גרויס פאר א נסיון בלויז!
אז א קרבן מוז שוין געברענגט ווערן — —
וויל גאט דערפילן זיין מאַכט און זיין ווילן,
אז קיין כוח נישט פאראן וואס קאן אים שטערן?

ווער איז דער גאָט וואס ברויך אזא בראנדאָפּער,
און פאר וועלכע חטאים שווער באַגאַנגען?
דעם שטנס השגה זי איז דאָך צו קליין,
אַזעלכע העקאַטאָמבן צו פערלאַנגען.

אויפן שייטער דער געבונדענער קרבן,
ווען דעם האַלדז צום חלף ער טוט אויסשטרעקן,
לויטערער, כביכול, ער איז דעמלט,
ווי גאָט וואָס טוט מיט זיין בלוט זיך באַפלעקן —
— — — — — — — — — — — — — — — —



טויזנטער יאר צוגעגרייט צו דער עקידה,
לעצטע רגע קיין מלאך אנגעפלויגן — —
אז ווער אים שיקן געזאָלט, ווען גאָט אליין,
דעם חלף איבערן האַלדז האָט געצויגן?

גייט ער אראפ פון זיין כסא־הכבוד,
שבעה אויף פיסנבענקעלע צו זיצן;
דאָס אש פון קרבן געשאָטן אויף זיין קאפ,
די קרוין אין אַלע וועלטן אויפצובליצן —

און אין אלע הימלען, ביזן זיבטן,
די רובינען — די ווערטער שוואַרץ אויסקריצן:
„אויסגעגאָסן מיין כעס אויף מיינע קינדער
די מענטשהייט פון מיין צאָרן צו באַשיצן" . . .

## דאס עם הספר

פון פתום ורעמסס, פון גושן,
אז ביז איצט מיר האבן אויסגעהאַלטן,
מוז דאך זיין א פארוואס און א צוואָס.
דעם תנ"ך אונזערן, דעם הייליק אלטן,

געטראגן ווו וועלט נאר אן עק האָט,
דעם אחד פון אים ארויסצולעזן,
געליטן דערפאר, — ווי געבלוטיקט! —
אין אלע לענדער ווו נאר געוועזן.

אויפשרייבן נייעם ספר אצינד,
פאר אלע מענטשן־קינדער צו לייענען,
אז נישט נאר געטער אין איין אחד —
פעלקער אין איין מענטשהייט צופעראייִנען.

## פסח - באלאדע 1963

1

נישט טעלעפאָניש צונויפגעקלונגען,
נישט דורך בריוועלעך צונויפגעשריבן,
פסח ביינאַכט די גאַנצע משפחה,
ביים טאַטנס סדר צונויפגעקליבן.

פון וואַנען געווי דעם דאַטום געוווסט,
פונקטלעך אזוי צו קומען פאַרשטאַנען?

דער ריח פון פריש געבאַקאַנע מצות,
אין זייערע נעזער אויפגעגאַנגען —

עס פלאַטערט אין דער לופט מיט פרישן צוויט,
מיט פעדערל — נעסטל אויפצובויען,
פאַר זייער בליק דעם טאַטנס גרויע באָרד —
דאס שקיעה־וואָלקנדל פול פאַרטרויען.

צומאָל דער זון, דער פאָלקס־העלד־קאַמאַנדיר,
צו דער פסח־נאַכט אורלויב גענומען,
מיט זיינע צוויי זין, די קאָמסאָמאָלצן,
אַהיים צום סדר געהיים געקומען.

גאַר אַ ניכטערער קאָפּ אונזער כרושטשאָוו,
„אויב קיין מצה, ממילא קיין בילבול . . .“
גרוסט ער זיין ברודער מיט לענין־מעדאַל,
וואָס אויסגעזען אביסל מבולבול.

אַ וווּנדער ? ער איז דאָך געווען דעמלט,
איינער פון יענע „ווייסע כאַלאַטן“ . . .
„אַ ביסל מרור“, שמייכלט עס צוריק :
„אויף ניכטערן מאָגן ס׳קאָן גאָרנישט שאַטן“ . . .

די שוועסטער מיט איר נישט יידישן מאַן,
ווי אויף אַ בהלה אַנגעלאָפן,
דרייט זיך אויס מיט פרייד צו איר וואָלאָדיאַ :
„זעסט צו דער רגע נאָך אַריינגעטראָפן“.

אַז זיבן זין און זיבן טעכטער,
איז דאָך אייניקלעך זיבן מאָל זיבן !
צו זען דעם זיידן פּראַווען דעם סדר,
האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן —

זיי הערן רק זייערע חברים,
די פּראַוואָסלאַוונע, פון פּאַסכאַ ריידן,
האָבן זיי שטאָלץ די קעפּ אויפגעהויבן :
„מיר האָבן אויך אַ יידישן זיידן“ . . .

ס׳פּאָרעט די באָבע זיך נאָך ביים אויוון,
די „זרוע“, די „ביצה“ אָפּצובראָטן ;
ווי די אייניקלעך, קיין עין־הרע,
עס זיינען די מצות איר געראָטן . . .



2

אויסגעזעצט אַרום טיש שוין זיי זיצן,
מאכלים אַזעלכע צוגעגרייטע ;
אַלצדינג וואָס דער אַלטער טוט זיי טון נאָך,
און פילן זיך דערפרייטע, באַפרייטע.

אַזעלכע מאָדנע ווערטער פּרעפּלט ער,
אָבער אַזוי היימיש ס׳קלינגט אין אויער ;
ראַפּטים דערשראָקן קוקן אַלע אויף,
מען הערט עמעצן דרויסן ביים טויער.

עפנט זיך אויף די טיר : „שפוך חמתך“,
און אַריינצוגיין ס׳קומט אליהו ;
דער זשמור איבער ברענענדיקן בליק,
וועג־צעפלאָשעטע באָרד, אַ גרייז־גראָע.

אַ גרויסע האַק אין גאַרטל פאַרשטעקט,
און פון מויל געציילטע ווערטער :
„פון אַרבע רוחות העולם איך קום,
פון אַלע צייטן, פון אַלע ערטער.

„אומעטום מיר מוזן רק אויסהאַלטן,
בדמיך חיי, דאָס איז דאָס לעבן“.
און שטיל אַראָפּגעבויגן ער האָט זיך,
פונם כוס קוים אַ זופּ בלויז געגעבן :

„די פיר הונדערט קעפּ, דו אָפּגעהאַקטע,
זידיק דאָס בלוט הערט נישט אויף צורינען . . .
זייט דעמלט איך וואָגל איבער דער וועלט,
קיין מנוחה מער נישט צוגעפינען.

„ווען די גרויסע באַפרייאונג וועט קומען,
דעם שופר הגדול איך וועל בלאָזן,
רק דעמלט וועט האַק גאַנץ ערשט פאַרשווינדן,
גאָט איז גוטסקייט, נישט גרזן־ירגזון“ . . .

פאַרחלומט זייערע אויגן גלאָצן,
זייערע הערצער הילכיקע קלאַפּן,
מיט אַמאָל אַזאַלכע שטאָלצע, גראָדע,
ווי פון שלאָף זיך געטון טון אויפכאַפּן —

ווי ר׳איז אַריין אַזוי איז ער אַרויס !
פונם כוס ס׳זאָל אַ טראָפּעלע פעלן,

מיט זיינע טרערן צוריק אנגפולט — — —
ס׳רייסט זיך ארויס ווי פון טויזנט קעלן,

אויף לשון קודש, אויף יידיש, רוסיש,
אלע צוזאם זינגען אנגעהויבן,
און פון זייער „אחד מי יודע״,
פונם געזאנג, געציטערט די שויבן.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### די נסים פון יציאת מצרים

אין תנ״ך ווערט מיט „נס״ באצייכענט א סימבאלישער אביעקט, וואס געפינט זיך אויף א הויכן פלאץ אדער אויפגעהויבן, ווי משה רבינו האט אנגערופן דעם מזבח „ד׳ נסי״, וואס ער האט געבויעט אויפן שפיץ בארג צום אנדענקן פון נצחון איבער עמלק, (שמות י״ז) און ישעיה הנביא האט געדראעט — „ונשא נס לגוים מרחוק״: ער וועט סיגנאלירן מיט א פאן צו די גוים פון ווייט זיי זאלן פארנעמען ארץ ישראל. (ישעיה ה׳) אין די תלמודים און מדרשים האט מען פארענדערט דעם באטייט פון טערמין „נס״, מען דריקט מיט אים אויס די אידיי פון אויסערגעוועגלעכע פאסירונגען, פון געשעענישן וואס איבערשטייגן די פעאיקייט פון מענטש צו דערקלערן. עס איז אבער טעותדיק צו פרעטענדירן אז דערפאר זענען די נסימדיקע דערשיינונגען „למעלה מן הטבע״: איבער־נאטירלעך, מחמת אין דער חושימדיקער עקזיסטענץ קומט ניט פאר קיין אויסנאמקייט, אפילו דער אלמעכטיקער איבעררייסט ניט איר רעגלמעסיקן גאנג. דאס ווייזט זיך קלאר ארויס פון ווייטערדיקן אויספיר, משה רבינו האט געזאגט צום פאלק ישראל — „לא תוכל כלתם מהר פן תרבה עליך חית השדה״: דו טארסט ניט פארלענדן גיך די זיבן כנענישע פעלקער, כדי די חיות פון פעלד זאלן זיך ניט מערן אויף דיר, (דברים ז׳) פרעגט זיך דער אלמעכטיקער האט דאך געקאנט שטערן די פארמערונג פון חיות ? מען מוז דעריבער אננעמען אז לויט תורת משה מאדיפיצירט דער אלמעכטיקער ניט די נאטור געזעצן.

די מפרשים פון די תלמודים און מדרשים האבן טאקע אזוי אנגענומען, די חכמים זאגן — „עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות״: צען זאכן, וואס וועגן זיי ווערט דערציילט אין תורת משה און עס זעט אויס ווי זיי וואלטן באשאפן געווארן בשעת זייער דערשיינונג, זענען געווען א טייל פון דער נאטור זינט מעשה בראשית. קאמענטירן די מפרשים, אז ניט אליין די צען זאכן, וואס די חכמים רעכענען אויס, נאר אלע אנדערע נסימדיקע פאסירונגען פון תורת משה זענען אין אמתן געווען נאטירלעכע דערשיינונגען, ווייל זינט מעשה בראשית איז די נאטור ניט פארענדערט געווארן. (פרקי אבות פ״ה מ״ה, רמב״ם און רבינו יונה) דער קאמענטאר פון די מפרשים איז אין הסכם



מיטן וועלט באנעם פון תורת משה, דער ערשטער פונקט פון דער יידישער אמונה איז — אז דער אלמעכטיקער האט באשאפן די חושימדיקע עקזיסטענץ און דער צווייטער פונקט איז — אז די באשאפונג האט געהאט אן אנהייב און א סוף. דער שבת רו־טאג זאגט עדות דערויף, אז זינט דעם סוף פון מעשה בראשית זענען אלע געשעענישן, וואס האבן פאסירט אין הימל אדער אויף דער ערד, ניט קוקנדיק אויף זייער אומגעהויערקייט און אומדער־קלערלעכקייט, נעווען נאטור איניצידענטן, ניט נייע באשאפונגען פון אלמעכטיקן. תורת משה ענדיקט דעם קאפיטל פון בראשית — „ויכלו השמים והארץ וכל צבאם״: פערטיק זענען געווארן דער הימל און די ערד מיט אל זייערע פאטענציאליטעטן. (בראשית ב׳) דאס הייסט: די באשאפונג איז געווען אן איינמאליקע און זינט דעמאלט פארמירן זיך אפילו די נסימדיקע דערשיינונגען פון נאטירלעכע סיבות.

אין ליכט פון דעם אויספיר מוז מען זען די נסים פון יציאת מצרים, הגם מען איז ניט בכח צו רעקאנסטרואירן זיי אדער כאטש פארמולירן זיי. מען דארף אין זינען האבן אז די מצרישע חרטומים אדער פריסטער זענען געווען גרויסע נאטור וויסנשאפטלער, מיט די קארגע טעכנישע מיטלען וואס זיי האבן דעמאלט געהאט, איז זיי געלונגען צו בארעכענען דעם גאנג פון פלאנעטן און שטערן. זיי האבן זיך אויך אויסגעצייכנט אין בוי־קונסט, ווי מען זעט פון דער פרעציזקייט מיט וועלכער זיי האבן צונויפגעשטעלט די פיראמידן. און זייער באגריף וועגן די כעמישע אייגנשאפטן פון מינעראלן און פלאנצן ווייזט זיך׳ פון זייערע פארבן, וואס זענען געבליבן פריש נאך טויזנטער יארן, ווי אויך פון זייער באלזאמירן די טויטע. פארשטייט זיך, משה רבינו, וואס איז דערצויגן געווארן ביי א מצרישע פרינצעסין, האט געלערנט די חרטומישע נאטור וויסנשאפט, און ווען ער האט ארומגעוואנדערט אין אנדערע לענדער נאכן אנטלויפן פון מצרים האט ער זיך נאך אויסגעלערנט אנדערע נאטור סודות, וואס זענען אומבאקענט געווען אין מצרים, (יוסיפון־פלאוויוס „אלטערטום פון די יידן״ בוך 2, קאפ. 10) איז ער, מיט דער הילף פון זיין וויסנשאפט, געגאנגען באפרייען זיינע ברידער פון מצרים.

די מצריים, האבן, אבער, געגלויבט אז ניט אליין זענען נסימדיקע פאסירונגען א דירעקטע אינטערווענציע פון די געטער, נאר אלעס וואס זיי טוען טאג טעגלעך איז דעטערמינירט פון הימל. מען דארף וויסן, אז לויט דער מאדערנע עטנאלאגיע, איז מצרים געווען דאס ערשטע לאנד ווו די מענטשנקינדער זענען איבערגעגאנגען פון הערנערן זיך מיט ווילדע פרוכטן צו ערד ארבעט. דורות לאנג האבן די מצריים געפירט מלחמות קעגן די וואנדערנדיקע „רעי צאן״: שאף פאסטוכער, וואס זענען געקומען פאשן די סטאדעס אויף זייערע פארזייטע פעלדער. נאך יעדן נצחון האבן די מצריים איינגעשפאנט די געפאנגענע פאסטוכער אין בוי און אין פעלד ארבעט, אזוי האט זיך אין מצרים אנטוויקעלט דער ערשטער „בית עבדים״: פארקנעכטונג־סיסטעם אין דער וועלט. אין איינקלאנג מיט דעם לעבנסשטייגער, פון עקספלואטירן פרעמ־

דע, האבן די מצרישע דענקער צוגעטראכט א קאסמאלאגיע. זיי זענען מסתמא אויך געווען די ערשטע וואס האבן געגלייבט אז די חושימדיקע עקזיסטענץ איז א פארטיילונג אדער געבורט פון אלמעכטיקנס גוטקייט און ליבע, ווי די קערנער וואס זיי פארזייען אין דער ערד פארמערן זיך. און אזוי ווי צוזאמען מיט פולע זאנגען שפראצן ארויס פון דער ערד ווידערוואקסן, וואס אויב מען רייסט זיי ניט אויס פארניכטן זיי די גוטע תבואה, אזוי האט זיך מיט דער גוטקייט און ליבע פון אלמעכטיקן פארמירט שלעכטקייט און בייזקייט אין די וועלט און אין מענטשן . . . דעם פארטיילונגס פראצעס האבן די מצרישע פריסטער פארגעשטעלט אין זייער מיטאלאגיע דורך דעם פאטער־גאט רא, די מוטער־געטין איזיס מיט זייערע צווילינג זין אסיריס — דער גאט פון פרוכטיקייט און שפע, און סעט — דער גאט פון מדבר און הונגער. און כדי צו בארעכטיקן די פארשקלאפונג פון פרעמדע, האבן די מצריים זיך איינגערעדט אז זיי זענען אן אינקארנאציע פון גוטן גאט אסיריס און אלע פרעמדע — פון שלעכטן גאט סעט, און האבן געגלייבט, כדי אויסצוראטן דאס שלעכטס פון וועלט או מענטשן, האט דער פאטער־גאט רא דעטערמינירט, זיי זאלן עקספלואטירן און אונטערדריקן די פרעמדע וואס פאלן אריין אין זייער הענט.

ווי׳סנדיק דאס, אז עס איז קעגן די עקאנאמישע אינטערעסן און רעליגיעזע איבערצייגונג פון די מצריים אויפצוגעבן זייער פארקנעכטונג סיסטעם, האט משה רבינו ניט געקאנט קומען צו פרעה און אים זאגן — דער העברעאישער אלמעכטיקער פארלאנגט אז דו זאלסט באפרייען די בני ישראל פון פארשקלאפונג און ארויסלאזן פון לאנד, ווייל די מצריים וואלטן אים דערהרגט. משה און אהרן האבן דעריבער געזאגט צו פרעה — דער העברעאישער אלמעכטיקער האט אונז געשיקט צו דיר מיר זאלן דיך בעטן, אז דו זאלסט אונז דערלויבן צו גיין א דריי טעגיקן וועג אין דער מדבר ווו מיר ווילן שעכטן קרבנות צו אים, כדי ער זאל אונז ניט אומברענגען מיט א מגפה אדער שווערד. (שמות ד׳) מחמת לויט דעם מצרישן גלויבן האט מען געמוזט ברענגען קרבנות צום גאט פון מדבר, ווי צום גאט פון פרוכטיקייט, אז ער זאל ניט פארניכטן, איז דאס געווען די איינציקע מעגלעכקייט ארויסצופירן די בני ישראל פון פארשלאסענעם מצרים. פרעה האט אבער ניט געגלייבט אז זיי זענען שליחים פון מדבר גאט, נאר ווייל זיי האבן קיין חשק ניט צו ארבעטן ווילן זיי זיך מאכן יום טובים. משה רבינו האט דעריבער ניט געהאט קיין אנדערן אויסוועג ווי צו באנוצן נאטור וויסנשאפטליכע מופתים כדי צו איבערצייגן פרעהן אז דער מדבר גאט האט אים געשיקט. די ערשטע מופתים האבן די חרטומים נאכגעמאכט, וואס האט באוויזן אז זיי זענען ניט קיין געטלעכע צייכענס. פרעה איז דעריבער געבליבן פארעקשנט און משה האט געמוזט געברויכן די נאטור וויסנשאפטלעכע מופתים, וואס ער האט געלערנט אין אנדערע לענדער. ווען משה רבינו האט געפלאגט די מצריים מיט די מכות, וואס זייערע חרטומים האבן ניט געקאנט נאכמאכן, האט פרעה אנגעהויבן צו אונטעהאנדלען מיט משה רבינו, דאך איז ער בלויז וויליק געווען צו דער לויבן די בני ישראל מקריב



זיין קרבנות צו זייער מדבר גאט אין מצרים, ווייל ער האט געהאט א פארדאכט אז זיי ווען ניט מער צוריק קומען פון דער מדבר און געזוכט אפצושלעפן די באפרייאונג מיט דער האפענונג פון — „ראו כי רעה נגד פניכם״ : אז דער פאטער־גאט רא וועט אינצווישן צעשטערן די פלענער פון מדבר גאט סעט. אבער ווען די מצריים זענען געשלאגן געווארן מיט פיינלעכערע מכות, האבן זיי געמאכט אן אויפשטאנד און — „למכה מצרים בבכוריהם״ : דערשלאגן זייערע עלטסטע, האט פרעה דערלויבט די בני ישראל צו גיין אין דער מדבר דינען זייער גאט. אז די בני ישראל זענען ניט צוריק געקומען נאך די באשטימטע צייט און די שליחים, וואס פרעה האט ארויסגעשיקט צו זוכן זיי, האבן אים דערציילט אז דער פאטער־גאט רא האט די בני ישראל צעטומעלט און איינגעשלאסן אין דער מדבר, האט פרעה מיט די מצריים זיי נאכגעיאגט ביזן ים סוף, ווו משה רבינו האט מיט א נייעם נאטור מופת אויסגעטרוקנט דעם ים סוף פאר די בני ישראל און דערטרונקן אין זיין טיפעניש די מצריים.

## חיים וואלדמאן

### דער הערצל - וואלד

איך קען א וואלד, דעם הערצל־וואלד,
איך האב אים אליין געפלאנצט,
ער איז פול מיט סודות —
דער סוד פון מיין לעבן היינט נאך צעגלאנצט.

איך זוך אן עכא פון די אמאליקע צייטן,
ווי איך האב מיין יוגנט פארברענגט,
צווישן גלייכע, גרינע פארפלאנצטע בייטן,
ווו די טענער פון מיין הארפע אויף די ביימער הענגט.

איך קען דעם ירקון פון ווייט און נאנט,
מיט גאלדענע פישלעך און זונען־שטראלן,
מיינע חלומות זענען דארטן פארשלונגען
אין די וואסער־כוואליעס, אין די וואסער־קוואלן.

איך הויב די הענט צו מיין חלום דעם גרויסן,
אין דעם מארגן, ווו די זון שיינט אויף,
צווישן די ביימער ווי די שאטנס דערציילן
אין דער שטיל פון דעם חלום אן א סוף.

די גאלדענע שטראלן פון דער הייסער זון,
וואס קילט זיך אפ ווען דער אוונט קומט ;
צאנקען די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן,
טיף אין הארץ א ווייטער עכא ברומט, ברומט.

„קומט צו מיר", זאגט מיין אלטער חלום,
„לאז מיך נישט פארשווונדן זיין,
„האסט געפלאנצט דעם כרם דיינעם,
„קום צו מיר און טרינק דיין וויין".

## אברהם סילקעס

### די שפייזער . . .

(נאוועלע)

די דריי קינדערלעך זענען שטענדיק געגאנגען צוזאמען, האלטנדיק זיך ביי די הענטלעך. מיט בארוועסע פיסלעך און ליידיקע בייכלעך האבן זיי אנגעהויבן זייער גאנג יעדן אינדערפרי, שפרייזנדיק איבער די ברייטע גאסן פון דער רווישיקער שטאָט.

נישט איינמאל האט זיך דער עלטערער דודל — א יינגל פון א יאר 13, וועלכער האט קוים אויסגעזען פון 9, צוליב זיין בלייך, מאגער קעפל און דאר קערפערל — געטראכט און געזאגט צו זיך אליין. ניין! — מיט וואס זענען די אלע קינדערלעך פון דאנען בעסער פון אונז, וואס זיי ווינען דא אין די שיינע גאסן. זיי גייען נישט בארוועס און זענען נישט הונגעריק — און מיר מוזן יעדן טאָג מאכן דעם זעלבן וועג, כדי צו ברענגען פאר דער מאמען, וועלכע ליגט אין בעט קראנק — עפעס צו עסן, צו דערהאלטן איר לעבן. דאָס ערגסטע איז אבער, וואס מיר מוזן זיך יעדן פארנאכט אומקערן צוריק א היים, אדורכשטופנדיק זיך דורך דער קליינער לאָך פון דער גרויסער פארמויערטער וואנט. אבער באלד פארשעמט ער זיך פאר זיך אליין — וואס ער טראכט אזוי. ער ווייסט דאך זייער גוט, אז ער מיט זיינע צוויי יינגערע ברידערלעך זענען די איינציקע שפייזער פון זייער טייערער מאמען.

ווען קיינער באמערקט זיי נישט אנקומען, דערנענטערן זיי זיך שטיל צו דער טיר פון פאָדערהויז און הויבן אן פארשעמטערהייט שטיל צו הוסטן — שפעטער אביסל שטארקער, וועלנדיק אזוי ארום ארויסרופן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט. אבער קיינער רופט זיך נישט אפּ. — דאן הויבן זיי אן אביסל שטארקער צו קלאפן אין דער טיר, און זינגען זיך אונטער מיט הייזעריק פארזשאווערטע קעלכעלעך . . .

— שענקט עפעס ביטע א שטיקל ברויט, א פאָר קארטאָפל, אפשר אביסעלע ווארעמע זופּ — וואָס נישט איז — שענקט עפעס ביטע!

— ווער איז דאָרט — הערט זיך אן הארטע שטים פון אינעווייניק.

— מיר זענען ברויט זוכער — ענטפערן אלע דריי צוזאמען.

— וויפל זענט איר? — פרעגט די שטים.

— מיר זענען: צוויי, דריי . . .

זייער אָפּט קלאַפּן זיי און בעטן אומזיסט — קיינער ענטפערט נישט. זיי לאָזן זיך דאן שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ, לויפנדיק מיט א טיפן אומעט און



באקלאָגן זיך אויפן שלעכטן טאָג. עס ארט זיי נישט אזוי וועגן זיך — אבער פאר דער מאמען מוז מען דאך עפעס ברענגען — ווי קען מען צוריקגיין מיט ליידיקע הענט? . . .

עס קומט זיי אויס אויך שנעל אריבערצולויפן פון איין עק גאָס אויף דער צווייטער, שטופנדיק זיך צורישן די גרויסע, דערוואַקסענע מענטשן, וועלכע יאָגן זיך איינער נאכן אנדערן, פונקט ווי יעדער וואָלט מורא געהאט נישט צו פארשפעטיקן צו עפּעס וויכטיקעס. די דריי קליינע יינגלעך הויבן דאן אויך אן צו לויפן שטאַרקער, וועלנדיק אָפּכאַפּן די פארלוירענע צייט . . .

לאנג איז זייער וועג יעדן טאָג. זיי גייען פון הויז צו הויז, פון גאָס צו גאָס. עס טרעפט, אז מען עפנט אפילו נישט די טיר פאר זיי, נאר א קול שרייט ארויס פון אינעווייניק.

— גייטס פון דאנען — עס איז גארנישטאָ — היינט גיט מען נישט קיין נדבות . . . אזעלכע יינגלעך קענען גיין ארבעטן . . . און דערצו זענען דא געזעלשאפטן ספעציעל פאר ארעמע, עס איז היינט א צייט, ווען דער גרעסטער אומגליקלעכער איז נישט אומגליקלעך . . . גייטס, גייטס פון דאנען! . . .

*  *  *

דודל נעמט אן פאר די הענטלעך זיינע צוויי יינגערע ברידערלעך, מיט אראפּגעלאָזט קעפּלעך לאָזן זיי זיך ווייטער אין גאנג.

עס טרעפן זיך אבער אויך מענטשן, וועלכע עפענען ברייט די טיר, בעטן אריין אין שטוב, גיבן עפעס אָפּצועסן, דערלויבן אָנצוווארעמען די פארפרוירענע פון קעלט און נאסקייט פיסלעך, אפן שטופן אריין אין האַנט אריין א שטיקל ברויט אויף שפּעטער . . .

עס פאַלט צו דער טונקעלער אָוונט — זיי נעמען זיך אלע דריי אן פעסטער פאר די הענטלעך — און מיט א געפיל פון פרייד שפּריזן זיי צוריק צו זיך . . . זיי האבן עפעס פאר דער מוטער . . .

*  *  *

דער פרימאָרגן האט זיך אָנגעיאָגט מיט א ביזער שניידנדיקער קעלט. א פאטשענדיקער רעגן מיט א ברויזנדן ווינט האָט א יאָג געטאן אין דער פינצטערער, אומעטיקער, האלב חרובער געגנט; ער האָט געריסן איבערגעבליבענע שטיקר דעכער און געבראָכן שויבן פון האלב צעקאַליעטשעטע פענצטער, שטיקער פארברענטע ציגל זענען געפאלן אויפן ברוק . . .

א לעצטע הייפל יידן, איינגעבראָכענע, איינגעוויקלטע אין שמאטעס, פארפרוירענע און גלייכגילטיקע זענען געטריבן געוואָרן צו דער ארבעט. פון אונטן איז נאכגעגאנגען א יידישער פאָליציאַנט און זיי אונטערגעיאָגט, מען זאל נישט אָפּשטיין, נאר גיין שנעלער. ער האט אויסגעפירט זיין באפעל וויליונגעריש, ווי עס פאסט פאר גאסן־יינג. די מענטשן האָבן זיך אָנגעשטרענגט מיט די לעצטע כוחות, צו שפריזן וואס שנעלער — אבער דער ווינט האט געריסן און אוממעגלעך געמאכט צו שלעפן די געשוואָלענע פון הונגער און קעלט פיס — נישט איינער האָט זיך שוין געווונטשן דעם טויט, ווי א דערלייזער . . .

א קוים זעבארער פאַס ליכט האָט זיך אריינגעריסן דורכן אויסגעהאַקטן פענצטער און געפאלן אויף דעם שטויביקן און אָפּגעלאזענעם ווינקל — ווו די מוטער איז געלעגן. זי איז געלעגן איינגעוויקלט אין איר לעצטן פלושענעם יום־טובדיקן בגד, וועלכן זי האט בשום אופן נישט געוואָלט פארקויפן. זי האָט זיך מיט דעם בגד נישט געקענט שיידן — דער לעצטער אָנדענק פון איר הייס געליבטן מאן. א זיסער ציטער גייט איר אדורך איבערן גאנצן קערפער, דערמאָנענדיק זיך דעם טאָג, ווען ער האָט איר געבערענגט אלס מתנה דעם האזיקן בגד . . . זאָל כאָטש זיין מיט וואָס איינצוויקלען דאָס קליינוואַרג אין די אומענדלעכע, שרעקלעכע, פינצטערע, קאַלטע, אומעטיקע נעכט . . .

זי האָט געפילט אירע לעצטע שעהן. זי האָט נישט געוויינט, נישט געקרעכצט און נישט געשריגן. מיט פארשטשומעטע ציין און געביילטע פויסטן, האָט זי מיט אלע כוחות איינגעהאלטן אין זיך דעם שניידנדיקן ווייטיק, וועלכער האט זיך ארויסגעריסן פון איר פארפוילטן, אָפּשטארבנדיקן קערפער. מיט פארגלייזטע, אומעטיקע בליקן האָט זי ארומגענעמען די דריי קליינוואַרג . . .

די דריי קינדער, מיט ערנסטע, אומעטיקע אויגן פון דערוואַקסענע דריי מענטשן, האבן געשטאנען צוקאָפּנס דער גוססהדיקער מוטער, קיינער האט נישט ארויסגערעדט קיין וואָרט. מען האט געוואַרט . . .

— היינט וועל איך גיין אליין — האט זיך מיטאמאל אָנגערופן דודל צו די צוויי יינגערע. איר בלייבט דאָ, נעבן דער מאַמען — און נעמענדיק דאָס זעקל אונטערן אָרעם, האט ער א שפרייז געטאָן צו דער טיר. ער האט אויסגעדרייט דעם קאפּ און א לעצטן בליק געטאן אויף דער אפּשטארבנדיקער מאַמען. זיינע בליקן האבן זיך אנגעטראפן מיט צוויי פארגליזטע — שוין גארנישט זאגנדיקע אויגן, וועלכע האבן אים ארויסגעפירט אינדרויסן . . .

די מוטער האָט קוים אויסגעדרייט דעם שווערן קאפּ צו די צוויי קליינוואַרג — און פארגליווערטע, פארפרוירענע צוויי טרערן זענען שטיין געבליבן אין די ווינקלען פון אירע אויסלעשנדיקע זיך אויגן . . .

דעם טאָג איז אים געגאנגען ווי פון אלע זייטן. קיינער האָט נישט אפּגעזאָגט. יעדער איינער האָט אריינגערוקט אין דודלס האנט וואָס נישט איז. עס האבן זיך אויך געפונען אזעלכע, וועלכע האבן אריינגעשטופּט אין האנט אריין אפילו א פאר גראשן. ער האט געשפּרייזט א פריילעכער פון שטוב צו שטוב, אנפילנדיק דאס זעקל מיט שטיקלעך ברויט, קארטאָפל און אנדערע איבערגעבליבענע אלטע שפייזן. דאס קליינע מאגערע יינגל האט נישט געפילט קיין מידקייט און אינגאנצן נישט באמערקט ווי דער טאָג איז אריבערגעלאָפן. א הייטערער, מיט שנעלע טריט, האט ער גענומען שפרייזן צוריק צו זיך. ער האט גוט געוווסט, אז זיין פאמיליע וואַרט מיט אומגעדולט אויף א פאַרדאַרט שטיקל ברויט, כדי נישט צו שטארבן פון הונגער . . .

* * *

א כמארע פון ווילדע קראָען האט זיך אָנגעיאגט אויפן הימל און ארומגערינגלט פון אלע זייטן דער אונטערגייענדיקער, אָפּשטארבנדיקער שטאָט. זיי



האבן געשאָט מיט פייער און קוילן און אומעטום געזייעט טויט און פארניכטונג. די בהלה צווישן די מענטשן איז געוואָרן כסדר מער פיינלעכער. קיינער האָט שוין נישט געוווסט וווהין צו לויפן, כדי נישט פארברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט.

קליינוואַרג האט זיך געקלאַמערט צו מוטערס, שרייענדיק מיט הימלשרייענדיקע קולות, אלטע און קראנקע מענטשן האָבן געזאגט די לעצטע תפילה צו א גאט, אין וועלכן זיי אליין האבן שוין נישט געגלויבט. אן אלטיטשקע, אנגעשפּארט אין א שטעקן איז געשטאנען רואיק און געוואַרט . . . פארצווייפלטע מוטערס האבן מיט גרויזאמע קולות געוואָרפן זייערע קינדער דורך די ברענענדיקע פענצטער, וועלנדיק זיי ראטעווען . . .

* * *

דודל האט נישט דערקענט דעם וועג און דאָס אָרט פון זיין הויז, ווו ער האט געוווינט. ער האט זיך אָפּגעשטעלט ביי א בערגל אש און ציגל און איז אנידערגעפאלן א מידער. דאָס זעקל מיט די אָנגעקליבענע שטיקלעך ברויט איז האַסטיק ארויסגעפאלן פון זיינע הענט און זיך צעשאָטן ארום.

ער איז איינגעשלאָפן מיט א מידן, רואיקן, אייביקן שלאָף . . .

## ח. נ. בענקוויטש

## לזכרון פון א קינד

קיין שום שפראך אויף דער וועלט באזיצט נישט די בויטיקע ווערטער, וואָס זאלן אויסדריקן דעם טיפן צער, דעם טיפן טרויער פון טאטע־מאמע ווען זיי פארלירן א קינד. אפילו מיטן פארשטאנד קען מען דאס נישט באנעמען!

אפטמאל דאכט זיך, אז דאס קינד וועט נאך צוריקקומען . . . איז דאס באמת מעגלעך, אז מען וועט עס מער נישט זען; אז מען וועט שוין קיינמאל נישט הערן דאס קול פונם קינד, דאס געלעכטער; נישט קוועלן פון די חכמות פון קינד?

עס גייט דאך אבער נישט פארביי קיין מינוט, אז די ליכטיקע, גרויסע און שיינע אויגן פון מיין רויזעלע זאלן נישט א שטראל טון פאר מיינע אויגן! טא ווי קען עס מעגלעך זיין, אז מיר וועלן מער נישט האבן קיין נחת פון איר?

יא, מ'זאגט, אז די צייט מעקט אפּ פון זכרון דאס בילד פון א קינד, וואס דער פינסטערער קבר האט פארשלונגען. עס איז אבער נישט אמת, ווייל עס גייט דאך נישט פארביי די מינוט, די רגע, ווען מיר געדענקען זי נישט. דאס הארץ הערט נישט אויף צו דריקן און, וויינענדיק, ווערט עס צעריסן אויף ש'טיקער. אט אזוי וועלן די הערצער פון טאטע־מאמע וויינען ביז דער טויט וועט זייערע הערצער אפּשטעלן אויף אייביק.

זיבעצן מיט א האלב יאר איז אונזער שושנה, אונזער רויזעלע, אלט געווען — א בלום אינמיטן בליען, א ליכט אינמיטן לייכטן. זע איך אמאל א מיידל אין גאס, אין מיין רויזעלעס יארן און מיט איר פיגור, טראכט איך: „אט אזוי האט זי דאך אויסגעזען, און ווען זי וואלט איצט געלעבט, קען זיין די

וואלט מיט מיר שפאצירט, מיין ארעם געהאלטן, ליבלעך זיך געטוליעט צו מיר, ווי תמיד ביי א שפאציר".

אמאל בין איך געווען ווייט פון בית־עולם, אבער היינט האב איך שוין א גרויס חלק דארט; געווארן א „שותף" צום טויטן גארטן. גאר פריש דער קבר פון מיין שושנה, מיין רויז, מיין ליבע. איך האב נאך וואס צו קומען אהין, אן ארט, וואו איך קען זיך שטיל אויסוויינען. אין יענעם קבר דעם פרישן ליגט מיין טאכטער! ניין, נישט אליין ליגט זי, נאר מיט איר אינאיינעם האט מען מקבר געווען אונזערע הערצער, די הערצער פון טאטע־מאמע.

איך קום אהיים פון מיינע עסקים, דאס הארץ בענקט: די קינדער, וואס לעבן, ווערן טייערער; די ליבשאפט צו זיי ווערט טיפער, הארציקער. טוט אמאל א קינד א הוסט, ווערט מען דערשראקן. עס לויפט דורך א געדאנק, דאס וואס האט פאסירט. ווערט די שרעק נאך שרעקלעכער. עס וואכט אויף דער זכרון, און עס נעמט זיך פאנאנדערוויקלען די טיפע טראגעדיע, דאס אומגליק, וואס איז גרעסער און טיפער פון אלע אומגליקן.

קומען מענטשן אין הויז אריין, רעדט מען און מען טומלט. מען לאכט, מ'ווערט פארטויבט. בלייבט מען אבער אליין מיט די אייגענע שאטנס, מיט די אייגענע געדאנקען, טראכט מען באלד פון רויזעלען. און עס דוכט זיך, אז מיר הערן איר קול, מיר זעען אירע גרויסע, ליכטיקע אויגן, איר שמייכל, וואס האט ליכטיק געמאכט איטלעכעס ווינקעלע פון הויז און דערפריידט אונזערע הערצער.

מיין פרוי און איך ווערן שטיל, מיר רעדן נישט. אונזערע הערצער פארשטייען זיך . . . שווייגנדיק, טראכט איך מיר: „היינט דריי וואכן, באלד פיר, האט זי דאך נאך געלעבט, מיין שושנה, מיין רויז, געזעסן אט דא אויף דער שטול מיט אירער א חברטע, זאל לאנג לעבן! זיי האבן גערעדט, געלאכט, זיך געסודעט. איר פנים שטראלט און רויטלט זיך, אבער אירע פאנטאזיעס האבן זיך נישט פארווירקלעכט . . . אירע חברטעס זענען נישט געווען גלייך צו איר. זי איז געווען העכער אין גייסט און איידעלער אין דער נאטור.

ווי ליב ביסטו מיר געווען, מיין קינד, מיין שושנה, מיין טייערע רויז! יא איך האב זיך געבאדן אין גליק, אבער מיט זארג און שרעק אין מיין הארץ . . .

„איז עס אמת", „פרעג איך זיך אליין זער אפט", אז מיין שושנה איז טויט?" איר בעט איז ליידיק. אין דעם בעט האט זי דאך געטרוימט אירע מיידלשע טרוימען . . . אויף דעם בעט האט זי געשמייכלט און אויך אמאל געזיפצט פון שלאף . . . אויף דעם דאזיקן קישן האט גערוט איר קלוגער קאפ, אירע שלאנקע הענט. אויף דעם בעט האט געקלאפט איר יונג הארץ, און איצט איז עס ליידיק. ליידיק שטייט אויך דער שטול, וואו זי פלעגט זיצן און שטריקן פארשיידענע זאכן. אירע קליידער הענגען איבעראל, וואו נאר איך טו זיך א קער. אבער זי וועט זיי שוין קיינמאל נישט טראגן, קיינמאל נישט מער באנוצן, קיינמאל!



דריי לאנגע יאר האט אונזער טאכטער געצאנקט איידער אירע ליכטיקע אויגן האבן זיך פארלאשן, איידער דער טויט האט זיי באזיגט, איינגעשטילט איר הארץ, פארלאשן דאס פייער פון איר בלוט און אפגעמעקט דעם שמייכל פון אירע ליפן. דריי יאר האט געדויערט די מלחמה צווישן לעבן און טויט. דער טויט האט די מלחמה געוואונען.

יעדעס מאל ווען מיר ווילן רופן א קינד, פארגעסן מיר זיך און רופן אן איר נאמען, רויזעלעס נאמען. עפנט מען א שופלאד, א שאפע אדער עפעס אזעלכעס, קומט צו דער האנט אירס א בריוו א נישט פארענדיקטער, אן ארבעט אירע א נישט־פארענדיקטע. „זי וועט דאס שוין קיינמאל נישט פארענדיקן", צעכליפעט זיך מיין פרוי, „קיינמאל נישט"!

די קינדער און איך טרייסטן זי, און צעוויינען זיך אויך. טרערן ריגען פון די אויגן, נאר רעדן קענען מיר נישט. עס פרעסט אין האלז א נייער שטראם טרערן.

מיין יינגסט קינד, נאך קיין צען יאר אלט, נעמט לעזן מיין שושנהס טאגבוך. מיר הערן זיך צו. עס איז הארץ־רייסנד. דרייצן יאר איז זי אלט געווען ווען זי האט אנגעפאנגען צו שרייבן. ווי קלוג, וואס פאר א סטיל, נישט ווי קיין קינד וואלט עס געשריבן. מיין קינד לעזט עס, און איך האב קיין הארץ נישט צו לעזן. הערן מיר און אויך די אנדערע קינדער.

עס דריקט כסדר ביים הארצן, א נייער שטראם טרערן. „מיין טייערע מאמע", „מיין טייערער טאטע" שרייבט זי כמעט אויף יעדן בלאט; א ליב, ראמאנטיש קינד — א גרעיס אגווילאר וואלט דאס אויסגעוואקסן!

אסך פאטאגראפיעס האט זי איבערגעלאזט. אויף איין בילד זעט זי אויס ווי לעבעדיק. איך קוק אויפן בילד און פארגעס, אז מיין שושנה איז מער נישטא. איך לייג אוועק דאס בילד און דערמאן זיך — עס איז שווער זיך נישט צו דערמאנען — ווי זי ליגט אין בעט: דאס פנים — בלאס, די באקן — איינגעפאלן, די גרויסע אויגן אבער לייכטן. איר הוסט רייסט מיין הארץ מיר ארויס.

נישטא קיין שפראך, וואס זאל קענען איבערגעבן דעם טרויער פון טאטע־מאמע, וואס האבן פארלוירן א קינד!

אנטהאני ראלינגס

## בעלזען

(מיט דער דערלויבעניש פון „דזשואיש קראָניקל")
(צום דרייסיקסטן יארטאג פון היטלערס רדיפות אויף יידן)

די שטילקייט פון דעם מקום
וואו פייגל זינגען נישט.
דאס שאול־תחתיה, וואו ביימער הילן איין
ווי מויערן, צו פארדעקן די שאנד.

די טראגישע בערג ערד
יעדער איינער, באצייכנט מיט סימבאלישן טויט.
„דא ליגן פינף טויזנט מתים“,
אזוי און נישט מער.
נישט געווען איז זייערס שפאנענדיקער קאמפס־געשריי,
נישט קיין סיגנאל־הארן, בלאזנדיק אין דער נאכט,
האט באגייסטערט זייער אטעם אדער באריךט זייער זעל
צום קאמף פאר אומשטערבלעכקייט.
בלויז דער וויספער, פון די ווינטער־בלעטער,
ווייכע בלייכע וויספערן פון ליפן פון דעם טויט
געטראגן פונם ווינט פארביי אייערע פיס.
נאס פון טרערן איז די ערד,
מאכנדיק טריבע טייכן אין די שטעגן שליים.
אט דארט שטייט מזבח זייערער, נאמענלאזע זיי,
עלנטער פינגער טייטלט צום הימל,
ס׳געוויסן פון דער וועלט אין קרענקלעך־געבלעכן שטיין,
צער פון דער וועלט, געשריבן בלויז מיט בלוט.

(לייטענאנט־קאלאנעל ראלינגס האט זיך געפונען אין דייטשלאנד אלס א מלחמה־געפאנגענער פיר א יאר מיט זעקס חדשים. דערנאך האט ער געדינט אלס גענעראל־פראפאס דארטן מיט דער זיבעטער באפאנצערטער דיוויזיע, ענגליש מיליטער. טון האט באזוכט בעלזען איינצקע מאל.)

איבערזעצט פון **א. אלמוג**

## יוסף לעפטוויטש

## מיין מאמע

מיין מאמע זיצט אין הימעל, אוןווארט איך זאל קומען.
„ער וועט זיין מיד פון דעם לאנגן שליאך.
איך מוז אויפרוימען די שטוב, ס׳זאל זיין באקוועם.
מיר האבן צו ריידן גאר א סך“.

מיין מאמע פלעג אזוי זיצן יעדן פרייטאק אוונט,
ווארטן איך זאל קומען צו גיין,
איך זאל זיין ווען זי בענשט די שבת לעכט.
איך זאל מאכן קדוש איבערן וויין.

מיין מאמע האט אויגן וואס זענען בלוי,
ווי דער בלויער הימעל איז בלוי.
זיצנדיק, ווארטנדיק ביז איך וועל קומען,
דערווארט זי א זאך, און זי רעדט אזוי—

„ער וועט קומען מיד פון דעם לאנגן גאנג.



ער וועט וועלן וואשן די פיס, און אנטאן א פרישן זאק,
איידער ער וועט מאכן קדוש דא אין זיין נייער היים,
איידער ס׳וועט קומען דאס עסן — לויתן און דעם גרויסן באק“.

מיין מאמעס האר איז זילבער, און שיינט ווי די זון.
אין מיין מאמע׳ס אויג ברענט א זילבערנע טרער.
מיין מאמע וויינט אין הימעל פאר פרייד —
„מיין זון קומט באלד צו מיר אהער“.

## עלע זילבערג

## עס ווערט קומען א צייט

עס ווערט קומען די צייט,
ווען דו וועסט דערמאנען דיין שטעטל,
און בענקען נאך יעדן פארבלאטיגטן שטיין,
ווען די צופאלענע הייזלעך,
מיט די שטרויענע דעכער,
וועלן ווערן דיר טייער, ליבלעך און שיין.

עס ווערט קומען א צייט,
ווען דו וועסט האסן דיין לעבן,
די רוישיגע שטאט מיט איר לוגנס און גלאנץ,
ווען דו ווערסט טראכטן פון פעלדער,
פארזייטע מיט קארן,
און בענקען צו פלעכטן פון זאנגען א קראנץ.

ס׳ווערט קומען די צייט,
ווען דו וועסט באניידן די טויטע,
וואס זיינען געפאלן אויפן קדוש השם,
אט לעבסט דו א לעבן,
א זאטן, א פוסטן,
און טראכסט ניט פון קיינעם, נאר זיך אליין.

עס ווערט קומען די צייט,
נאר עס לוינט ניט צו ווארטן,
זי ווערט דיר ניט ברענגען ניט נחת ניט צער,
דו האסט אויסגעצאפט,
יעדן טראפען פון האפנונג,
וואס ווארטסטו נאך פון צוקונפט, פערבלאנדזעטער נאר.

## פרילינג

און ווארט א פארביינקטע,
צו ווערן פארזייט.
דאס פעלד איז צעאקערט,
ד' ערד צוגעגרייט,
קערנער און פלאנצן,
און זאט אלערליי,
אין לייב אויפגענומען,
צו פלעגן געטריי.

מיט קנאספן באדעקטע,
דער גארטן ווערט וואך,
עס בויען שוין נעסטער
די שוואלבן — אין דאך,

דער הימל ווערט קלארער,
די וואלקן פארקלערט,
פון ארגעץ וואו ליבלעך,
אפויגל זיך הערט.

און לוסטיג אין הארצן,
די האפנונג צוגליט.
דערווארט איך דעם מארגן,
ווען דאס פעלד זיך צובליט,
פארגעסן דעם ווינטער,
דעם פראסט און די קעלט,
עס ווארט אויף מיר דרויסן,
א פעריונגערטע וועלט.

## מ. אלמאן

## נאטיצן פון א לייענער

### אין איין כאר

פון צייט צו צייט כאפ איך א קוק אין „סאָוועטיש היימלאנד.“ איך האלט איצטער ביים נומער 1 פון יאר 1963. די טעמאטיק אין דעם נומער האט מיר שוין באלד אנגעהויבן צו געפעלן, ביז . . . כ׳בין צוגעקומען צום ארטיקל פון מוני שולמאן וואס עפנט זיך מיט א בילדל: א פארשלאסענע צדקה־פושקע אין וועלכער א ייד האט שטעקן זיין לינקע האנט און אין דער רעכטער האנט — א צעטל מיט אן אויפשריפט האלט דעם גנב! דאס דאזיקע בילדל דארף דאס אילוסטרירן דעם אינהאלטן פון ארטיקל און אין סך־הכל ווערט ארויסגערופן אן אומאנגענעמער טעם. וואלטן די קריטיקירטע געהאט רעכט און מעגלעכקייטן צו ענטפערן מוניך, וואלט עס געווען „נאכמאל“, אבער אטאקירן געבונדענע איז נישט דזשענטלמעניש. ס׳באקומט זיך בלויז א יידישע נאט אין גוייש־סאָוועטישן כאָר וואס הערט זיך איצטער אזוי אויך ווייט איבער די רוסישע גרענעצן . . .

אין צווישנצייט האט אָפגעקלונגען איבער דער גאנצער וועלט די ידיעה, אז דער רעדאקטאר פון „איזוועסטיא“ אדזשובעי, כרושטעווס איידעם, האט געהאט אן אוידיענץ ביים פויפסט אין רוים, פאר וועלכן ער האט זיך טיף פארנייגט . . .

דער פויפסט איז דער פארטרעטער פון אלמעכטיקן אויף אונדזער ערד. און אז אדזשובעי האט געמעגט פאלן כורעים פארן פויפסט, מעגן שוין די מוביס צורו לאזן די בידנע צדקה־פושקע . . .



## א ליטעראַרישע פאַרשטעלונג

טעמע: אריינזאגן זיך

צייט: ס׳געשעט פאר אונדזערע אויגן, איצטער.

פארום: א יידישע צייטונג אין פאריז

העלדן: צוויי.

כאראקטעריסטיק: 1. א צעבאלעוועטע פרימאדאנע.

א צעשפילטע און צעבאלעוועטע באלערינע. וואס איז צוגעווינט צו פירן טיש מיט חדר־יינגלעך, אפילו ווען די חדר־יינגלעך זענען 70 און 80 יעריקע יידן.

2. א פעיקער מענטש, אן אנגעלייענטער, אבער מיט שלעכטער פארדייאונג. ער איז א פארעלטערטער אייראפעער, א דוד פרישמאן מיט אלטע שפאקולן און גלעזלעך.

צושויער: דער נאיווער לייענער

אקציע: די קורטינע, האלט שוין ביים פאלן . . .

## געניע סילקעס

## א דאך איבערן בנין פון יידיש לשון

אין חודש נאוועמבער פון יאר 1961 איז ארויס פון דרוק דער ערשטער באנד פון דעם גרויסן ווערטער־בוך פון דער יידישער שפראך — דער ערשטער באנד פון דעם צענבענדיקן פראיעקט — אויב ניט דעם גרעסטן קולטור־פראיעקט פון אונדזער צייט, וואס האט זיך געשטעלט די גרויסע היסטארישע אחריות „ארויפצוציען א דאך איבערן בנין פון יידישן לשון“ און פארזיכערן די יידישע ווערטער פון פארגעסנקייט.

„יידיש פון אלע צייטן, פון אלע דורות און פון אלע לענדער“ — איז געווען די לאזונג פון דעם הויפט־קאמיטעט, וועלכער האט זיך געשאפן נאך אין יאר 1952 אין „ייווא“. שווערע יארן פו ן מסירת־נפשדיקער, מאזאלער ארבעט מצד די בעסטע און איבערגעגעבנסטע טוער, געלערנטע, שפראך־פארשער, שרייבער און טעכנישע אנגעשטעלטע, וואס דער קאמיטעט האט צוגעצויגן און געוואונען פאר דער דאזיקער ארבעט. שווערע, מאזאלע ארבעט האט אפגעצייכנט דעם וועג ביז נאוועמבער 1961 טן יאר, ווען מען האט זוכה געווען צו זען פאר די אויגן דעם לעבעדיקן ערשטן באנד, פון דעם לאנג אויסגעטראָגענעם חלום — „דעם בנין פון יידיש“.

אין פעברואר פון יאָר 1953 האט דער ארגאניזיר־קאמיטעט פון דעם גרויסן ווערטער־בוך פון דער יידישער שפראך“ פארעפנטלעכט א מעמאָראַנ־דום אין וועלכן עס ווערן פארמולירט גענוי די צילן פון דער אונטערנעמונג. צווישן אנדערע ווערט געזאגט: „מיר ווילן שאפן א ווערטער־בוך, וואס זאל איינשפייכלערן אונדזער גאנץ האב אין גוטס, וואס זאל צענופנעמען אונדזער

גרויסע עשירות, וואס מיר האבן אנגעקליבן אין משך פון קנאפע טויזנט יאר יידיש״ . . .

. . . פון די ערשטע פארצייכענונגען, וואס זענען צו אונדז דערגאנגען, ביז צו דעם לעבעדיק יידיש, וואס מיר ניצן היינט . . . ער דארף ארומנעמען אלע לענדער וואו יידיש איז גערעדט געווארן און ווערט גערעדט און אויסדריקן דאס, וואס יידן האבן געשאפן אין מזרח־אייראפע . . .

מען באדארף זיך צואיילן, די צייט רינט אויס, האבן געפיבערט די מיט־גלידער פון דער פארוואלטונג און פון דער רעדאקציע קאלעגיע כל זמן עס לעבט נאך דער לעבעדיקער דור יידן — די טרעגער פון די יידיש ווערטער און דער עדות פון דעם חורבן־דור — די עדות פון פארשניטענע לעבעדיקע צינגער צוזאמען מיט די יידישע ווערטער, וואס הייבן אן צו ווערן אלץ ווינצי־קער אין דער צאל און אלץ שיטערער די רייען״ . . .

. . . „עס רינט אויס די צייט. אויף אונדזער דור ליגט די גרויסע היסטא־רישע שליחות, מיר קענען ניט אוועקגיין פון דער וועלט, ביז מיר וועלן ניט פאראייביקן, אט די גרויסע ירושה פון דורות און זי איבערגעבן צו דער יידישער אייביקייט . . .״

האט מען געפיבערט אין די אלע אנגעשטרענגטע יארן, ביי דער פראקטי־שער ארבעט, ביי דער איינזאמלונג פון די ווערטער־אוצרות, ביי זייער אויס־טייטשונג און פארטייטשונג, ביים אויסשרייבן די ציטאטן פון דער תלמודישער, קלאסישער נייער און נייעסטער ליטעראטור, ביים זוכן קאריספאדענטן, ביים איינזאמלען די תורה שבעל־פה, די ווערטער, ווערטלעך, קללות, שפרוכן, גלייכווערטער, וויצן, אידיאמאטישע אויסדרוקן — דעם גאנצן פאלקלאר אוצר פון לענדער, פון שטעט, שטעטלעך, דערפער און ישובים, וואו עס האבן גע־לעבט יידן, האבן געשאפן און באר‏ייכערט דאס לשון.

ארום צוויי־הונדערט טויזנט יידישע ווערטער זענען שוין אנגעזאמלט אין דער קארטאטעקע פאר אלע בענדער.

„מיר האבן זיך געמיט צו פאר צייכענען אין אריינצונעמען ווערטער און אויסדרוקן פון אלע שיכטן פון דעם פאלק. פון תלמיד־חכם ביז צום לשון פון דעם דארפס־ייד, ביז צו דעם קלעזמער און גנבים־שפראך : פון דעם לשון אוף א רבנישער אסיפה, ביז צו די טערמינען און פראזעאלאגיע פון דער ארבעטער־באוועגונג ; פון דעם לשון פון חדר און ישיבה ביז צו דער שפראך פון דער יידישער שול, וואו אלע לימודים זענען געווען אויף יידיש ; פון דעם לשון פון אינטעליגענט ביזן לשון פון דער אונטערוועלט ; פון דעם לשון פון מארק און פון ווארשטאט, ביזן לשון פון דער קיך און פו אינטימען פאמיליען־לעבן. מיר האבן זיך באמיט צו געבן דעם פולן שפראניקן ספעקטער פון אלע פאכן, פון דעם גאנצן סאציאלן לייטער ביי דעם יידיש רעדנדיקן טייל פון אונדזער פאלק . . . „אזוי שרייבט די רעדאקציע צו דעם ערשטן באנד.

דער יידישער פאלקס־גייסט איז אריין אין די אלע ווערטער דורך די פארטייטשן איז ארויסגעבראכט געווארן זייער קולטור־היסטארישער ווערט.



און מיט דעם דאזיקן צוגאנג, איז דער ווערטער־בוך נישט נור א כינוס פון ווערטער, נישט נאר די מאנאגראפיע פון יעדן יידיש־וואכט, נאר איז די געשיכטע פון יעדער שטאט און שטעטל, פון יעדן דארף און ישוב, וואו עס האבן געלעבט און גערעדט לעבעדיקע יידישע מענטשן.

די פארוואלטונג האט פארטראכט דעם פראיעקט — דעם „ספר־יידיש״, ווי די מצבה פארן אויסגעהרגעטן מזרח־אייראפעאישן יידנטום, נישט קיין מצבה פון שטיין איז עס, וואס רוצחים העגט קענען צעשטעכן, צעברעכן און פארברענען. א הייליקע מצבה — אין א הייליקן ספר, וואס וועט ארויסלייכטן צוזאמען מיט יידישע ספרים פון אלע ביכער־שענק־וועלכע האבן איבערגעלעבט גזירות, פארפאלגונגען מלחמות און זענען לעבנגעבליבן איבער לאנגע דורות, געהאלטן דעם פלאם פון יידישן קיום.

דער ווערטער־בוך קאמיטעט האט מיט דעם דאזיקן פארמעסט זיינעם באוויזן פאר די לעצטע יארן צו פארוואנדלען דעם „חלום״ פון יחידים־אידע־אליסטן, עקשנים און אקאדעמיקער צו פארוואנדלען אין א גראנדיעזן אלגע־מיין נאציאנאלן קולטור־פראינקט, וואס גרייכט מיט זיין השפעה צום גאנצן יידישן פאלק, צו אלע שיכטן, קלאסן און גרופן, צו אלע ארגאניזאציעס, אינסטי־טוציעס, צו אלע לענדער און ישובים, וואו נאר עס אטעמט א יידיש הארץ.

אויך אין אייראפעאישע ישובים און אין ענגלאנד וואו עס לעבט אן אקטי־ווער יידישער ישוב און א דינאמישער סעקטאר פון מזרח־אייראפעאישער איינוואנדערונג וועט געוויס ניט אפשטיין פון דעם גאנצן יידישן כלל און וועט מאכן באמיאונגען ניט צו שטיין פון דרויסן, ווען עס ווערן פארשריבן דורות יידיש לעבן, נאר טאקע אויך זיין בתוכם, ווי א טייל פון יידישן וועלט־פאלק, וועלכעס האט גענומען אויף זיך די זכיה צו שרייבן דעם הייליקן און טראגישן ספר פון אונדזער צייט אין זיין דער איבערטרעגער פון דעם ספר צו דער יידישער אייביקייט . . .

## שמואל ווהייט

### אין נאכטליכע שעהן

אין נאכטליכע שעהן
קומען זכרונות אויף זינען,
זוך איך מיינע אמאליגע טרוימען,
כ׳וויל זיי נאכאמאל געפינען.

שווימט א לבנה ארויס,
וואס לייכט אזוי זילבערקלאָהר,
אטעם איך איין דיין צארטענדופט
כ׳גלעט דיינע זיידענע האָר.

די ביימער רוישן תפילה׳ס,
כ׳בין ווי זיי אויך מיתפלל.
מיט התפעלות טרילערט
די נאכטיגאל הלל — הלל.

הימעל האט מיר געבענשט
מיט זעליגקייט אויף דער ערד,
גן־עדן אויף דער וועלט
איז געווארן מיר באשערט . . .

## יוסף הלל לעווי

### מיינע לידער

איך א זינגער, דו א סופר,
פון די תורות כשר ריינע,
לייענען יידן זיי מיט יראה,
און ווער לייענט די לידער מיינע ? . . .

ניט די גוטע פרומע יידן,
און אויך ניט די אפיקורסים, —
ניט איך בין ווי דו פאַרשוויגן,
ניט איך בין ווי דו מפורסם.

טייערער סופר, מיינע לידער
האבן טרויריקער געטראפן, —
ווען איך לייען זיי וואָלט איך גערן
ווייט פון מיר און זיי, אנטלאָפן . . .

לזכורן צו דער יאָרצייט פונם פאַטער פון זיינע באַרימטע לידער
דער טאַט דער סופר

## א. נ. שטענצל

### גזע און ירושה (שלוס פון קאַפּיטל)

פאַנטאַזירן, זיך פאַרגיין אין דמיונות גייען די געטראַכטע בילדער אסך גיכער ווי דאָס רוקן זיך פונם רגע־ווייזערל אויפן ציפער־בלאַט פון גרעסטן זייגער; וואָרום וויפיל עס האָט זיך מיר נישט אַלץ אין קאָפּ אַרומגעדרייט, איין רעיון אין צווייטן זיך אַריינגעדרייט, איין מחשבה אין דער צווייטער זיך געהעקלט און געקייטלט, בין איך דאָך אויף דעם הילצערנעם בריקל, אפנים, נישט לאַנג געשטאַנען. מיטן אַדורכפאָרן פונם ערשטן וואָגן האָט עס געגעבן מיט מיר אַזאַ שאָקל, אז איך בין אינגאַנצן אַרויס פון די דמיונות און דערהערט ווידער דאָס טומלדיקע געלערן פונם בית־המדרש.

אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פונם בריקל־געלענדער, האָב איך באַלד דערזען די גרויסע, אין קליינע קוואַדראַט שייבעלעך געטיילטע, פאַרשטויבטע בית־מדרש־פענסטער און די טיר וואָס פירט אריין. אבער זי האָט נישט געפירט דירעקט אין בית־מדרש אריין נאָר אינם פאָליש.

איבער דער גאַנצער לענג פון אַ וואַנט, וווּ פענסטער זיינען אַריינגעגאַנגען אין בית־מדרש אריין, האָט זיך געצויגן א לאַנגער טיש מיט בענק פון ביידע זייטן, פאַרמאַכטע ספרים זיינען געווען אָנגעלייגט אויף דעם לאַנגען טיש, אָבער קיין מענטש איז נישט געווען צו זען, דאָס געלערן פון בית מדרש האָט זיך, דא אין פאָליש נאָך העכער געהערט, א מיש־מאש פון כל־ערליי



ניגונים און קולות. כ'האָב נישט געוווּסט אויף וועלכע וועלט איך בין. אָבער צוגעווויינענדיק מיך צו דער טונקלניש, האָב איך דערזען שטיין הינטן אין פינסטערן ווינקל א קליין יידעלע מיט א גרויסן הויקער, א ברייט היטל פאַלט אים איבער די אויגן, ער שטייט איבער אַ בענקל מיט דער קני אויף אַ ברעט און זעגט מיט א זעג, וואָס צוויי מאָל גרעסער פון אים — דאָס איז געווען דער חברה־קדישא אונטער־שמש וואס האט צוגעגרייט קרשים פאר מתים.

פערטיק ווערדיק האָט ער דאָס געמאָסטן מיט א צווייט ברעט און ווידער גענומען זעגן, ריידנדיק צו זיך, אָבער אזוי אז דער אריינקומענדיקער, דאָס הייסט איך, זאָל אים הערן: „א בחור זאָל שטיין ווי אַ גולם און צוקוקן ווי א ייד ארבעט מיטן טויט . . . ער ווייסט דאָך אז איך האב א קראנקע קני . . . יאַקאָש לייגט מען צו א האנט צום ברעט“.

אז איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אז מיט דעם רעדן צו זיך, מיינט ער מיך, בין איך טאָקע צוגעגאַנגען און מיטביידע הענט צוגעהאַלטן דאָס ברעט און; דאָס זעגן איז געגאַנגען לייכטער און שנעלער.

ער האט זיך ווידער צערעדט: „דו ווייסט נישט וויסן ווער דאָס איז, ס'איז א ייד פון טשענסטעכיווקע, פון יענע יידן דארט, „דער הויכער לייבוש“ האָט מען אים גערופן, און גיי פאָס צו קרשים צו זיין לענג“.

איך מיט איינמאל באגרייפנדיק וואס די ברעטער זיינען און וואס דאס זעגן מיינט, האָב מיך אזוי דערשראָקן פארן טויט, פאר דעם קליינעם מאָדנעם יידעלע מיט גרויסן הויקער מיט ברייטן היטל איבער די אויגן, פאר דעם נישט געהובלעוועט ברעט, וואס איך האַלט צו מיט ביידע הענט, אז איך האב עס אויף איינמאָל א לאז נאך געגעבן, און דאס יידעלע מיטן קראַנקן קני, מיטן הויקער צוויי מאל גרעסער פאר אים, איז א פאל אראפגעגעבן פונם בענקל, מיט אזא קנאק און געשריי, ווי ער וואָלט אראפגעפאלן פון א צוויי שטאָקיגע געביידע.

איך וואָס האָב נאך אין מיין לעבן נישט געזען קיין טויטן. ביז צו מיינע זעכצן יאָר זיינען אין טשעלאַדזש געשטאָרבן צוויי יידן, און חדשים־לאנג מורא געהאט ארויסצוגיין אין די נעכט, ווייל זיי האָבן מיך נאָכגעיאָגט אין די ווייסע תכריכים און דא האַלט איך גאר קרשים אין מיינע הענט, איך בין געבליבן שטיין א טויט־פארגליווערטער.

פון דעם פאַל און געשריי זיינען אייניקע בחורמלעך, וואס זוכן זיך א פרעטשעפקע צו אַנטלויפן אויף א ווייל פון דער גמרא, געקומען אַריינצולויפן, ווען זיי זיינען אריינגעקומען איז דער שמש שוין געשטאַנען מיט דער קני איבערן ברעט אויפן בענקל און מיט דער זעג געפאָכעט איבערן קאָפּ: „ארויס פון דאָ לאָבוסעס, נייע וויצן גאָר, איך כאַפּ אַ ברעט און וועל אייך אלע דערמימיתן“.

דער תמיד פארביטערטער חברה־קדישא אונטער־שמש האט געמיינט, אז דאָס איז געווען אַזאַ מין אָפּגעשמועסט ניי שפיצל צו מאכן א העצקע מיט

אים, און מיך האט דאס חברה־לײדיגײער אונטערגעשיקט אנצוהויבן מיט אים.

צווישן די אריינלויפנדיקע איז געווען הענעכל משה וואלבעראמערס, א בחורל א קליינס, א קײלעכדיקס מיט א פרײלעך־קלוג פנים און נאך פרײלעכערע פלינקע אויגן, מיט א פאר לאנגע צעשויבערטע פאות. ער האט זיי די פאות, מיטגעברענגט פון דער גערער־ישיבה, וווּ ער האט געלערנט דעם פארגאנגענעם זמן, און ער האט זיי שוין געטראגן אין טשענסטאכאווּ פארקניפּט אונטערן היטל און אין בית־מדרש האט ער זיי פריי ארויסגעלאזן. און דערזעענדיק אצינד מיך מיט די צוויי ברייט צעפלאשעטע פאות, א טויט־פארגליווערטן פון שרעק און פון דעם טומלדיקן אויפלויף, איז זיין פרײלעך פנים נאך פרײלעכער און מיט זיינע שנעלע אויגן געווענט צו מיר, צום פנים חדשות, האט מיר אויסגעשטרעקט א שלום־עליכם ווי צו אן אײגענעם, אן אוועקגעפארענעם און אקארשט צוריקגעקומענעם —

ווי איינער וואס דערזעט זיך אין שפיגל, ער דערקענט זיך נישט, נאר ער ווייסט, אז ער איז עס, אזוי האבן מיר זיך ביידע אנגעקוקט, איינער דעם אנדער. זיין פרײלעך פנים האט אויך מיינס פרײלעך געמאכט; די שרעק, די צעטומלניש איז אוועק און אהײמישקייט האט אונז ארומגענומען איינער צום אנדערן, ער הענעכל האט דערפילט, אט האט זיך באוויזן דער יעניקער, וועם ער האט געזוכט, וואס אים האט געפעלט — דער הענעכל איז געווען מיין ערשטער טשענסטאכאווער חבר.

די אלע זאכן פונם היינטיקן טאג, די פארלוירנקייט מיינע נאך אין דער היים, אין דער אומבאקאנטער נייער דירה, די יינגלעך אויף דער ראגאטקע, דעם יידס איראנישע בליק אויף מיינע פאות, דאס אויפוועקן מיך פון די רעיונות אויף דעם בריקל פונם פארבייפארנדיקן וואגן און צום סוף דער שאק מיט שמש, די אלע זאכן צוזאם האבן אזוי געווירקט, אז די פרײלעכע און נאנטע באגעגעניש האט אינז אזוי שנעל פארהײמישט.

מיר האבן זיך ממש באשמעקט ווי צוויי פרעמדע הינטלעך ביי דער ערשטער באגעגעניש, און מיר האבן באלד אלץ דערשמעקט איינער פון אנדערן, דעם גאנצן מהות אונזערן.

מיר זיינען ארויס פונם פאליש אינם בית־מדרש קארידער, אבער מיר זיינען נישט אריין אין בית־מדרש, נאר דורכן שמאל הויף ארויס אויף דער גאס. הענעכל האט זיך אפילו נישט ארומגעבונדן די פאות אונטערן היטל, פאר וועם האט ער מורא צו האבן, אדער זיך צו שעמען, אט גיי איך אויך אזוי פראנק אוןפריי און פרעג נאך קיינעם נישט.

פון דער נאדזשעצנע האבן מיר געשניטן די געסלעך דורך דער גארנעטשארסקע: „זעסט, איך גיי יעצט צו וואלווישנס שיעור אין גערער יינגעלייט־שטובל, אז דו ווילסט קאנסט דו מיטקומען און דיך באלד מיטזעצן צום שיעור, נאר, אז דו ווילסט נישט . . . איך פארשטיי גאנץ גוט . . . וועל איך דיר ווייזן ווו דאס ראדאמסקער יינגעלייט־שטובל איז דו וועסט קאנען דארט אריינגיין. ס׳איז אין דערזעלבער גאס, איינס כמעט א קייגן איבער דעם



אנדערן".

אין שטובל איז קיינער נישט געווען. א זומערדיקע פוסטקייט, א דאמפנדיק־שוועבנדיקע, א נאגנדיק־פארגליווערטע, דער גאלדענער שטויב אין די זון־שטראלן איז געשטאנען ווי א זייל, אן עלכסנדיקער, א ציטערדיקער. פון ערגעץ־ווּ האט זיך געהערט א כריפען, ווי פון א שלעפנדיקער שווערער זעג, איינער שלעפט אראפ, א צווייטער ארויף און דער שטויביקער זון־זייל ציטערט.

אז כ׳האב צוגעמאכט די טיר האב איך דערזען, איבער דער גאנצער ברייט פון דער וואנט, ביז צו דער טיר, אויף א לאנגע באנק, איז געלעגן אויסגעצויגן א מענטש פון אזא לענג, וואס איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געזען, מיט א פנים פון א טויטן, פון א סקאלעט, די באקן, ווו צוגעזונקטע, האבן קנאביקשארף ארויסגעסטארטשעט, די נאז א ביינערדיק גרויסע אין פראפארץ צו דער לענג פונם מענטש. די ברוסט האט זיך מיט א שנעלקייט געהויבן און אראפגעפאלן און שווער געארבעט ווי א בלאז־זאק — דאס איז געווען דער גרויסער ראובן.

דער גרויסער ראובן איז געקומען אין שטובל אריין אלע טעג א שעה פריער איידער אברהם חנא׳ס, דער אייזערנער קאפ, פלעגט קומען; ער האט געכאפט אזא מין געזונטן שלאף, זי גוט אויסרוען, צו האבן כוחות, ווען אברהם חנא׳ס וועט קומען, מיט אים איינצוטענהען ער זיך צו קריגן — צו זאגן אויף אלץ קאפויער וואס דער אנדערער וועט זאגן.

ווען דאס ראדאמסקער יינגעלייט שטובל האט זיך אפגעריסן פון דער „אלטער־ראנדע" זיינען די צוויי זקנים מיט זיי מיטגעגאנגען — זיי זיינען געווען די קעסט איידעמס פונם שטובל!

די שעה, בשעת דער לאנגער ראובן האט געכאפט זיין נאכמיטאג־שלעפערל, האט הערוויל אברהם חנא׳ס געמאכט זיין קורצן נאכמיטאג־שפאציר איבער אלטן מארק אין שטובל אריין און געפונען שוין וועמען, וואס זאל אים איינלאדן צו א גלעזל 96׳ציקער — אברהם חנא׳ס איז תמיד געווען אונטערן גלעזל.

שפעטער, ווען כ׳האב געלערנט אין שטובל איז דאס אלץ געווען אזוי נאטירלעך; עס האט זיך אפגעשפילט ווי אויפן זייגער. א שעה פאר מנחה־מעריב האט זיך דאס שטובל אנגעפולט מיט יינגעלייט, וואס האבן נאך קעסט געגעסן, וואס האבן שוין געהאט געשעפטן, מיט יינגע־לייט, וואס האבן געארבעט, געקומען אין שטובל אריין צו זיצן א שעה ביי דער גמרא, און טרעפנדיק די צוויי אין זייער טעגלעך געשפאר, אין לערנען, אין חסידות, האבן זיי דערפילט, ביים אריינקומען אין שטובל אריין, אז זיי זיינען אהיימגעקומען אין זייער שטוב אין דער אייגענער משפחה . . .

דעמלט, ביים ערשטן מאל אריינקומענדיק אין דעם ליידיקן שטובל און דערזעענדיק דעם לאנגען אויסגעצויגענעם אויף דער באנק, האט ער ביי מיר אויסגעזען ווי איינער פון די נפילים, אזא פאר־מבלדיקער נאך, וואס ליגט דא אויסבאהאלטן אונטער דער טיר פון שטובל.

די גאַנצע לענג פון דער לידיקער שטוב, ביי די דריי פענסטער אין הויף אַרויס, איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש אָנגעלייגט מיט פאַרמאַכטע ספרים. ווי נאָך „אַ שלאַכט" האָט עס אויסגעזען: מען האָט איבערגעלאָזן אַלץ אין דער מיט, „אָבער מיר קערן זיך באַלד צוריק" . . . דאָס צושפּרייזן די צוויי דריי שריט צום טיש האָט געמיינט זיך אַרויסראַטעווען פון דער שוועבנדיקער פאַרגליווערטקייט.

צוקומענדיק צום טיש און שטייענדיק דירעקט, פּנים אל פּנים, מיטן מיטלסטן פענסטער, איז פאַר מיינע אויגן געלעגן אַ גרויסער הויף, זיין גאַנצער קוואַדראַט באַלויכטן אין דער זון און דריי מענטשן, לויפנדיק און מיט די הענט וואַרפנדיק טאַנצן אין דער זון. אויבן ביי דער וואַנט שטייען אַנדערע דריי אין דרייען ביי קאַרבעלעך פון רעדלעך. און די־אַ אַנגעצויגענע אויף שטריק וואָס ציט זיך פון זייערע צאַפּלדיקע הענט, שפּרינגען און טאַנצן —

פון פאָרנט האָבן זיי, אַט די דריי, זעקלעך מיט קאַנפּיעס, — פאַר מיר איז עס געווען אַ מאַטעריאַל אַדער פאַר סוכּות איינצוּוויקלען דערין דעם אתרוג, אַדער פאַר פּורים אויסצוקלעבן דערפון אַ באָרד, — און וואַרפן מיט די הענט, לויפן און שפּרינגען און ס׳וויקלען זיך אַרויס גאַנצע פּאַסטראַנקעס, אַנגעדרייטע, נייע פּעסטע — מער האָב איך שוין נישט געדאַרפט! אַ נייע וועלט איז פאַר מיר אויפגעשטאַנען, אַ וווּנדערלעכע: ווי קונציק ווי שנעל, קונצנמאַכער גייען אויף שטריק; איך בין געשטאַנען און געגאַפט.

ווען אַברהם חנא׳ס איז אַריינגעקומען און מיך געטראָפן אַזוי שטיין קייגנאיבער דעם פענסטער מיט אויפגעריסענע פאַרוווּנדערטע אויגן, האָט ער מיט זיין „אייזערנעם קאָפּ" באַלד געכאַפּט וועד איך בין: „אונזער טשענסטאָכאָווו זע איך געפעלט דיר, האָסט הנאה . . . גוטל אַסטרלס האָט מיר שוין געזאָגט, אַ: איר ווינט שוין דאַ ווי אין דעם מאָמענט האָט זיך דער שלאָפנדיקער אַכאַפּ אויף געגעבן און איז שוין ג—רייט געווען צו פאַרפאָרן דעם אַברהם חנא׳ס מיט אַ שטעך־ווערטל, נאָר דערזעענדיק מיך, דאָס פרעמדע בחורל, וואָס איז גריילעך אים נישט געפאָלן, האָט ער מיט דער ביטערקייט פון נאָכן שלאָף ווי אויסגעשפיגן: „זיי לויפן דאָ אַן ווי די היישעריקן, די נעבעכלעך, און אײדער מען פאַרדרייט זיך ווייזן זיי אונז אַ פייג" . . . ער האָט זיך אויפגעשטעלט און דערגרייכט מיט זיין סקעלעטן קאָפּ ממש ביז צו דער סטעלע.

פון אַברהם חנא׳ס מויל האָט זיך געשפּירט דער ריח פון בראָנפן! דער גאַנצער פאַרגליווערטער אַרום, די צוויי מאָדנע מענטשן, דער טאַנצנדיקער דרויסן, עס איז געווען עפּעס אומהיימלעך, ווי פאַרכשופט, עפּעס וויל מען מיך דאָ אַריינקריגן, פאַר־שפּונען, בינדן מיט די פּאָסטרוקעס . . . וואָס טוט זיך דאָ? ווי קריגט מען זיך אַרויס? אַז איך אַליין פיל שוין ווי כ׳וואָלט פאַרגליווערט . . .

פלוצלינג האָט זיך באַוויזן, ווי אַ מלאך המושיע, אין דער טיר הענעכל און מיר אַ ווינק געטאָן מיט זיינע פרייליכע פלינקע אויגן און איך האָב מיך דערפילט, באַפרייט, דערליכט, און בין שנעל צו אים אַרויס.



הענעכל האָט מיר גענומען דערציילן פון וואָלווישן, אַז ער וואַרפט זיך אַריין אין דער גמרא זעט ער קיינמען נישט מער, ער יאָגט און מ׳מוז אים נאָכיאָגן, און דערפאַר צעקריכן זיך אַלע פון זיין שיעור . . . ער, הענעכל איז נאָך געבליבן דער איינציקער, און איצט האָט ער מער נישט געקענט איינזיצן, עס האָט אים געצויגן צו מיר . . . וואָלוויש וועט עס אפילו נישט מערקן . . .

הענעכל האָט געהאַלטן אין איין דערציילן, ער האָט גרויסע פּלענער, און אַז מיר קאָנען צוזאַם אָפּמאַכן און זיך לאָזן קיין ראַדין אין דער ישיבה צום „חפץ חיים" . . . אַלע גוטע יינגלעך פון בית מדרש, פון די שטובלעך זיינען זיך צעפאָרן אין די ישיבות . . . דאָ איז קיין שום תכלית, זיי פּוצן זיך און וואַרטן צו ווערן חתנים . . . זיי קומען אַריין אויף אַ שעה צוויי אין בית־המדרש און זיינען יוצא . . . דו זעסט איך הייב מיך אויף שוין אָן צו פּוצן און בינד מיר אַרום די פּאות אונטערן היטל.

אַזוי שמועסנדיק זיינען מיר פון דער סאַנאַטאָרסקי גאַס, וווּ די שטובלעך זיינען געווען, אַרויס אויף דער ראָגאַטקע. צי ווייל מיר זיינען שוין געווען צוויי און די שפּילנדיקע האָבן שוין מורא אונז צו פאַרטשעפּן, צי ווייל די שפּילניקיקע זיינען שוין באַשטאַנען מער פון חדר־יינגלעך, ווי פון גאַסן לאָבוסלעך, אַזוי צי אַזוי, מיר זיינען געגאַנגען און געדרייט זיך אַהין און אַהער, זיך דערציילט, געשמועסט אין לערנען, זיך נאָכגעזאָגט אייגענע חדושים, און פון קיינעם נישט געשטערט געוואָרן. מיר האָבן זיך גאָר נישט געקענט אָפּרייסן איינער פון אַנדערן. פּלוצלינג האָב איך דערזען, אַז מיר שטייען פאַר דער קראָטקער גאַס, פאַרן געסל וווּ מיר וווינען. איך האָב עס שיעור נישט דערקענט, עס האָט גאַנץ אַנדערש איצט אויסגעזען. אַ געגיי פון די פאַבריקן, וואָס האָבן זיך געפונען אויבן אין דער גאַס און אַ געגיי פון אַהיימקומענדיקע אַרבעטער וואָס האָבן געוווינט אין די צוויי גרויסע פראַנט־הייזער — עס האָט שיעור אויסגעזען ווי אין טשעלעדזש, ווען די גאַרניקעס זיינען געגאַנגען פון דער שיכט" און צו דער „שיכט": אָבער דאָ זיינען אַלע געווען יידישע פּנימער. איך האָב מיך גאָר נישט געקענט געגנוג אָפּוווּנדערן: „געב נאָר אַ קוק דאָס זיינען דאָך אַלץ יידן".

הענעכל האָט זיך צעלאַכט: „דאָ אַז מילערנט נישט גייט מען צו דער אַרבעט. מ׳נעמט אַרויס יינגלעך פון חדר און מ׳שיקט זיי אין אַ פאַבריקל". איך האָב אָנגעוויזן הענעכלען ווו מיר וווינען און זיך אָפּגעשמועסט, צו טרעפן אין בית־מדרש און צוזאַם לערנען אַ שיעור.

אַז הענעכל איז אַוועקגעגאַנגען האָב איך אויסגעגלייכט דעם רוקן, דעם קאָפּ, ווייל די גאַנצע צייט פון אונזער שפּאַצירן און ריידן האָב איך געמוזט גיין אַראָפּגעבויגן, ווייל ער איז געווען מיט אַ קאָפּ נידריקער פון מיר, אַצינד מיך אויסגראָדנדיק האָב איך געפילט אַ פרייליכקייט אויף מיין פּנים, עס איז געווען הענעכלס פרייליכע פּנים וואָס האָט זיך געשפּיגלט אויף מיינעם: עפּעס גאָר אַן אַנדער בחורל, מיט פּלענער, מיט אַ תכלית אין לערנען . . .

יאָ, ער איז טאַקע גערעכט: קליינע יינגלעך גייען פון דער אַרבעט צוזאַמען מיט די גרויסע . . . און ווי גרויס איז דער גאַנצער הענעכל, און ער רעדט אַזוי סטאַלע און זיכער . . .

דער טאַטע האָט מיר אָבער געזאָגט: „גיי אין בית־מדרש אַריין, וועסט שוין געפינען חברים“ . . . נישט נאָר הענעכל, פון די אַנדערע וואָס ער האָט מיר אָנדערציילט, וואָס וועלן אַהיימקומען אויף יום־טוב געפעלן מיר אויך וועוואָטשע, דעם זשערעדעווער שוחט׳ס, לערנט אין אַמסטעוו . . . זיין ברודער אַברהם איז אויך געווען אַן עלוי, ווען ער איז קאַלע געוואָרן האָט ער שוין אייניקע . . . איך ווייס שוין אַפילו זייערע נעמען . . . איינער דודל . . . מיטגעשלעפּט אַ האַלב בית־מדרש . . . דער דודל ריכטער מוז זיין אַ ווילד יינגל . . . ווי הענעכל האָט דאָס זיין נאָמען אַרויסגעזאָגט . . .

צוקומענדיק פאַרן הויז וווּ מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן, זיינען פון טויער אַרויסגעגאַנגען אַ פּאָר יינגלעך פון אַ 10־9 יאָר, אָבער דורך זייער מידן, אויסגעהאָרעוועטן אויסזען פון איין זייט און דורך זייער נידריקייט, איבער זייערע אויסגעקרומטע פיסלעך, פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיי ממש געמאַכט דעם איינדרוק פון קינדער, וואָס זעען אויס ווי אַלטע יידעלעך — אַ שרעק איז מיך איבערפאַלן, אַ שרעק צו מיך אַליין, ווי איך וואָלט געווען איינער פון זיי, כ׳האָבן געפילט, ווי געווען איינער פון זיי, כ׳האָבן געפילט, ווי כ׳קאַרטשע איין, ווי די פיס האַקן זיך מיר אונטער. כ׳בין שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטער, אין מיט דער שרעק אין מיינע אויגן זיי נאָכגעקוקט, די גאַנצע קראָטקע גאַס, ביז זיי זיינען פאַרשוווּנדן.

ווען כ׳בין אַריינגעקומען אין שטוב אַריין — דירעקט פונם פּאַדוואָריש. אויף אַ שטיגל אַרויפצוגיין, איז מען אַריינגעקומען אין דער גרויסער קיך־און עס־שטוב, — בין איך ווי אַריינגעפאַלן ווי געיאָגט פון עמעצן, ווי אַנטלויפנדיק פון ערגעץ מיט אַ שרעק אין די אויגן; די מאַמע איז שנעל צו מיר צוגעלאָפן מיך געכאַפּט אין די אָרעמס ווי מיך צו באַשיצן, מיין שרעק האָט זיך איר שטום איבערגעטראָגן, זי האָט אַפילו נישט אויסגעפרעגט מיך צופרעגן עפּעס . . .

די שטימונג אין שטוב אָבער איז שוין געווען אַ גאַנץ אַנדערע, אַן איינגעזעסענע, אַ היימישע; אויפן טיש איז געשטאַנען כיבוד און דער טאַטע איז געזעסן מיט ישראל יצחקן פאַרטיפט אין אַ שמועס, אין אַן אומענדלעכן שמועס, אַן נישט־איבערגעריסענעם, נאָך פון נעכטן און אייערנעכט אין טשעלאַדזש.

אין דער שטוב איז שוין אַלץ געשטאַנען אויפן פּלאַץ, פון די קיך־שענקלעך. פון ביליקן האָלץ און קוים באַמאָלן, האָבן שוין, ווי אַלט־באַקאַנטע, די מילכיקע און די פליישיקע געפעסן אַרויסגעבלאַנקט ווי אין „דער היים“, דאָס בעט פאַר די שוועסטערן אַזוי קונציק פאַרשטעקט אונטער אַ שפּאַניש־ווענטל און פאַרצויגן מיט אַ פאַרהאַנג, אַז מ׳האָט עס קוים אַרויסגעזען — אַט־אָ דאָס וואָס האָט געקענט שטערן, האָט מיט דער קונציקער פאַרשלייערטקייט נאָך אַ „שענער פּנים“ גאַר באַקומען . . .



אָבער וווּנדער איבער וווּנדער ווי קומט די מאַמעס וועש־שענקל אַהער? עס שטייט זיך אַזוי לעבעדיק צעשטראַלט מיט זיין מאַהאָגאַנישע גלאַנציקע גאָלדיקייט צווישן די צוויי אויף דער שנעל אָפּגעמאָלעוועטע קיך־שענקלעך, ווי אַ כלה צווישן צוויי אינטערפירערקעס און פאַרשפּרייט זיין שמעקנדיקן עפּל־ריח, אַ שוועבנדיקן איבער דער שטוב און באַרואיקט אַזוי דעם אָטעם, אַז מיין שרעק ווערט אינגאַנצן אויס. „גיי אַריין אין דער שטוב און וועסט זען זיין טישל, דעם זיידן האָלטעקס טישל“. די מאַמע האָט מיך נאָך געהאַלטן אין אָרעם ווען זי האָט דאָס צו מיר געזאָגט, אָבער אין אַזאַ טאָן און אַזוי שטיל, אַז די פריערדיקע אויפרעגונג, ווי דאָס איצטיקע באַרואיקן זאָל נישט שטערן דעם שמועס פון טאַטן מיט ישראל יצחקן, אָדער גאָר דאָס שוועבנדיקע, וואָס האָט זיך גענומען באַזעצן אין דער פרעמדער דירה דאָ, צוזאַמען מיט אונז, אָבער עס שוועבט נאָך אַזוי קאַלמיטנע־אופּהענטיק, מיט זיינע שוואַכע איידעלע ריחות אין דער לופטן . . .

די זאַך דערפון איז אַזוי געווען: ווען מיר זיינען נעכטן אַוועק פון טשעלאַדזש האָט דער טאַטע מיטגענומען זיין איינגעפּאַקטע רייזע־טאַש, ווי תמיד ווען ער פאָרט קיין ראַדאָמסק, ווייל דאָס איז דאָך געווען דער עיקר ענין מכוח וואָס ישראל יצחק איז אַרויסגעקומען — ראַדאָמסק! דער צוגעאײַלטער ענטשלוס פון ציען איז דאָך שוין ממילא געקומען און איז געוואָרן אַ נעבן־זאַך . . .

באַטירלעך האָבן מיר, אסתר און צימעלע, די מאַמע און איך מיטגענומען דאָס נויטיקסטע, וואָס נאָר מיר האָבן געקאָנט.

ווען דער טאַטע האָט געזאָגט ישראל יצחקן, אַז אַלץ וואָס ער וויל פון אים איז, אַז ער זאָל אים באַזאָרגן די ספרים מיט די ספרים־שענק, און די מאַמע איז צוגעשטאַנען, אַז אויך איר וועש־שענקל מוז מען מיטנעמען, האָב איך אויך געוואָלט זאָגן מכוח דעם טישל וואָס שטייטביים פענסטער; כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין מוט. ישראל יצחק אָבער, דעם טאַטנס חבר, האָט אָפּנים באַמערקט מיין צילנדיקן בליק, אַהין צום פענסטער, צום טישל . . .

ווען ישראל יצחק איז געבליבן אַליין, האָט ער דערזען, אַז ער האָט איבערגענומען אַן אַרבעט איבער זיינע כוחות. קודם מוז מען די הונדערטער ספרים פּאַקן אין פעסטע קאַסטנס און די אַלטע שענק, מוז מען צענעמען, אַז זיי זאָלן זיך נישט צעשיטן. דערנאָך ערשט אַ מעשה מיט שפּיליטערן. איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק: די ריסאַרקעס וועלן אין דער פרי אָנקומען, וועט ער נעמען דעם געלן ראובן און אים באַצאָלן וויפל נאָר ער וועט וועלן . . . וואָס איז ביי אַ בענדינער „באַכמאַן“ אַ שאַנק מיט ספרים — אַ פּעדערל! אייזערנע קאַסעס, פּיאַנאָס טראָגט ער אויפן דריטן שטאָק אַרויף. מען מוז נאָר די שענק גוט אַרומבונדן מיט זעק אַריינפּאַס אין דער ריסאַרקע און אין אַ 10־12 שעה שטייען די שענק מיט ספרים אין טשענסטאָכאָוו — סדנא דארעא חד הוא!

און אַזוי איז טאַקע געווען, ווי נאָר מ׳האָט די דריי שענק אַ שטעל אַריין געגעבן איז מען געווען אין דער היים . . . נישט נאָר פון דער מאַמעס וועש־שענקל אין דער קיך האָט זיך פאַרשפּרייט דער פרישער עפּל־ריח, אַז אַלץ

אַנדערע האָט אויסגעוועפּט, נאָר דער טוכלער ריח וואָס איז אַריינגעקומען פון שטוב, פון די ספרים־שענק האָט אַלץ געמאַכט אַזוי היימיש און אויגן.

איך בין אַריין אין דער „שלאָף־שטוב" און מיך גאָרנישט געקענט געניג אָפּשפּיגלען אינעם טישל, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער — פּונקט ווי אין טשעלאַדזש . . .

דרינען ביים טיש אין דער קיך האָבן זיי געהאַלטן אין איין אַדורכשמועסן, וויאַזוי דעם רבין עס קלאָר צומאַכן, אַז עס גייט נישט אין רביסטווע, אין דינאַסטיע, אין „הויף", אין גזע — עס גייט אין „תפארת שלמה'ס" דרך.

איך בין נישט צוריק אַריין אין דער קיך, מורא געהאַט, כ'וועל שטערן דעם „שמועס", אויך די מאַמעס שטילקייט ביים וועש־שענקל גראַדלייגנדיק אין באַקוקנדיק יעדעס שטיקל באַזונדער . . . וויפיל שוויגן ס'ליגט אין יעדן צערעלע, אין יעדן בענדעלע — איר גאַנץ האַרץ ליגט דאָך דאָ ערגעץ אין אַ ווינקעלע . . . פון ערשטן טאָג פון איר חתונה . . . און יעדן פרייטיק . . . דער סדר און די אָרדענונג אין דער מאַמעס וועש־שענקל זיינען נישט וויניקער ווי אין טאַטנס ספרים־שענק.

איך האָב מיך גענומען אַרומקוקן, ליידיקער פּלאַץ איז אין „שלאָף־שטוב" געוועזן אַזויפיל ווי די ברייט פון שמאָלן „כאָדניק", וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון דער שמאַלער שטוב, צווישן די צוויי שענק, מיט דער טיר אין קיך אַריין, מיטן טישל ביים פענסטער פון איין זייט, מיט די צוויי בעטן און אַ „פּראַסע" אינמיטן, פון דער צווייטער זייט: ווו וועלן מיר זיך „מיעשטשען"? ס'איז אַנדערש נישט אויסגעקומען ווי איך מוז שלאָפן מיטן טאַטן . . . אַ גריסער יינג, שוין אַ 16 יאָריקער בחור וועל אָנהויבן צו שלאָפן מיטן טאַטן . . . דער רוקן האָט זיך מיר אָנגעהויבן קרומען, די פיס איינצובייגן, ווי ביי די יינגלעך, וואָס כ'האָב געטראָפן ביים טויער . . . אָט ליג איך אַזאַ אַלט יידל מיטן פנים צו דער וואַנט, כ'האָב מורא מיך אַ ריר צו טון, כ'האַלט דעם אָטעם איין . . . יאָ הענעכל איז גערעכט, ס'איז דער איינציקער פּלאַן, צופאָרן אין אַ ליטווישע ישיבה . . .

ווען די מאַמע איז פאַרטיק געוואָרן מיטן וועש־שענקל, האָט זי מיט דער זעלבער נחתדיקער שטילקייט געדעקט דעם צווייטן העלפט טיש צום עסן, די צוויי, ביים צווייטן העלפט, האָבן עס אפילו נישט געמערקט אין זייער פאַרפאַרטיפּטקייט.

ווילאַנג דער סדר אין טאַטנס צוויי ספרים־שענק האָט געשטימט, די גרויסע זשיטאָמירער „ש"ס גמרא'ס, די אַרבע שולחן־ערוך'ס, די טורים, די רמב"ם און די ראשונים ביזן לעצטן אחרון פון דער שוואַרצער שאַנק, האָבן געהאַלטן די משקולת מיט די ספרים און ספרימלעך פונם שייבן שענקל: די וואַרשעווער מקראות גדולות, די פּיעטראָקאָווער חמושים מיטן אור חיים אלשיך, מאורי ישמש און כלי יקר אין איין זייט און דער מלבי"ם פון דער צווייטער זייט; אין פאַך דעראיבער די לעדער געבונדענע זוהר'ס, דעם אר"י'ס סידור דער עץ־החיים, די חסידישע ספרים פונם בעל־שם ביז לעצטן פון די אוקריי־



נישע, גאַליציאַנישע און פּוילישע רבי'ס, און אַריבער זיי דער ספר חסידים, דער חובת הלבבות, דער כוזרי, מורה נבוכים און די כל־ערליי ספרי מוסר און חקירה און מליצה פון יענער צייט.

ווען די אַלע רייען האָבן זיך געסדערט, יעדער מיט זיין באַשטימטן איינבאַנד, ווי שיכט אויף שיכט, וואָס לייגן זיך טויזנט יאָריק איינס איבערן אַנדערן, און דאָס אַלץ איז געהאַלטן אויף די צוויי שופלאָדן מיט בריוו און בחורישע כתבים און ירושה־אַנטיקן פון בענדינער זיידן און די זילבע שנאַל פונם רבי רב בער און אונטער די שיפלאָדן זיינען געשטאַנען אין זייערע פאַכן און סדר און יעדעס אין זיין באַשטימטן איינבונד די מדרשים און דריש ספרים ביזן לעצטן מחבר פון אונזערע טעג; אויב די ספרים־שענק זיינען געשטאַנען אויף זייער פּלאַץ איז „מה לי הכה מה לי התם"? די 30 יאָר טשעלעדזשער רחבות זיינען נאָר געווען, כדי זיך צוצוגרייטן צום אמתן לעבן, וואָס גייט יעצט ערשט קומען — אין דעם גייט עס דאָך: „בכל דרכיו דעהו"! בהעלם אחת אַנעם אַרום צוגעבן אַלץ און מ'זאָל וויסן וווּ מ'האַלט . . . מ'מוז קאָנען זיך אַ שאָקל אַראָפּגעבן און ווייטער שווימען . . . ווי האָט דאָס געקענט דער „תפארת־שלמה, מיט אַזאַ שוועבנדיקער לייכטיקייט . . . אין זיין יעדן וואָרט זעט מען עס . . . און נאָך דער לעצטער ר' חזקלע זצ"ל, מיט די לעצטע כוחות . . . דער דרך איז נאָך נישט ביים סוף . . . עס שטימט נאָך האָר־געגנוי . . . די לייכטיקייט מען מוז נאָר צוריקבאַקומען: „שראל יצחק, מיר וועלן שוין דעם שמועס אויפן וועג ווייטער אָנהויבן; ענדיקן וועלן מיר דאָך אים קיינמאָל נישט . . . קום, מיר וועלן זיך וואַשן, דו זעסט דאָך מיר האַלטן שוין ביי שולחן־ערוך . . . מיר וועלן האָבן מזומן, פון דעם יינג וועל איך נאָך האָבן צרות . . . און מיינסט דו אַז שלמה גיט מניחה . . . דאָ וויל פאָרן קיין גער, יעצט זיך צוגעכאַפּט צום „משנה ברורה" . . . דער איז צופיל יראה שמים און דער האָט צו ליב דיערד . . .

דאָס לעצטע איז געזאָגט געוואָרן מיט אַ שמייכל איבער דער גאַנצער באָרד, אַפּנים, אַז ער האָט דאָך אַלץ אַ שאָקל־אַראָפּ־געגעבן, וואָרים אין די אויגן האָט זיך באַוויזן דאָס הלצה־שמייכעלע, און געבנדיק ישראל יצחקן אַ קלאַפּ אין פּלייצע, ווי אַמאָל אין יענע יינגע יאָרן: „שראל יצחק, ס'טויג שוין ווידער נישט, מ'מוז זיך פעסט אונטערגאַרטלען" האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט און געגאַנגען זיך וואַשן.

דער טיש איז געווען געדעקט ווי אין טשעלאַדזש מיטן זעלבן פלייש־קן טישטוך, מיט זעלבן זאַלץ־מעסטל און מוציא־מעסער, און איבער דער מאַמעס שטראַלנדיקע פנים די זעלבע שלוהדיקע מנוחהדיקייט, ווען דעם טאַטנס חבר ישראל יצחק פלעגט אַרויסקומען און גאַנצע נעכט שמועסן און שמועסן און פאַרטאָגס איבער־כאַפּן אַ שטיקל שלאָף דרויסן אין דער אָפּיצינע.

ווי דער גלייכגעוויכט ביים טאַטן איז געווען דער סדר אין זיינע ספרים־שענק איז עס בי דער מאַמען געווען — איר וועש־שענקל! יעדעס שטיקל אין וועלכער פאַך און דאָס וויפילטע אין דער ריי און אינם שטויס. יעדעס טישטוך־צערעלע, יעדעס לאַטקעלע האָט זיך געשפּיגלט אין אירע אויגן, אויסגעטאָקט

אויפן פאַרשנירלטן שמייכל פון אירע געטאָקטע ליפּן . . . נישט וויכטיק, אַז אויבן אינם שיפלאַד אין וועש־שענקל איז דאָס צירינג־זעקעלע איינגעשרומפּן, שוין האַלב אויסגעליידיקט : טשענסטאָכאָוו איז נישט טשעלאַדזש, דאָ איז אויס יחוס ; אַ ביסל וועט זיין פון קוילן־סקלאַד, צימעלע וועט נעמען ביי מאַרקוספעלדן אין דער פאַבריק היטן צו גאַרנירן, זי און אסתר וועלן אויפציען קרעלן פאַר אַ צילעלוי פאַבריק . . . ווען זי וויל טראַכטן פון מיר גיט איר אַ שווינדל אין קאָפּ . . .

זי קוקט אויף אונז ווי מיר עסן מיט אַזאַ צוריקגעהאַלטענער שטילקייט, זי פילט די רואיקייט פון איר פנים, די שטילקייט פון איר איין און אויסאָטעמדיקע נאָז, אַן שום מינדסטן באַוועג . . . ווי אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטן, ווי נאָך קיינמאָלנישט ווען זי נעמט זיך אויפצוגעבן דעם מערן־צימעס, געקאָכט אַזוי בטעמט אויף היימישן אופן, זיסלעך, מיט אַן אינערל . . . האָב איך גענומען דערציילן פון מיין נייעם חבר, פון העגעכלען, פון דעם פלאָנאָוועקצופאָרן אין אַ ליטווישער ישיבה.

דעם טאַטנס שטימונג איז אויף איינמאָל אינגאַנצן געענדערט געוואָרן. ער האָט די ווערטער געוואָלט אַרויסזאָגן הלצהדיק, אָבער אַרויסגעקומען זיינען ת״י טויט־ערנסט : „ווייסט וואָס, גיי דיך דאָך באַלד אָפּשווענצלען, נאָך וואָס ערשט פאָרן אין די ליטווישע ישיבות . . . ווייסט דו אויב אַזוי געפעלט מיר מיין ברידער, יעקב מאירס פלאַן אַ סך בעסער : דיך אַריינגעבן אין דער „האַנדווערקער שולע“. גלויב מיר ווערן אַ גוטער שלאָסער, אַ מייסטער אין בערגמאַנס נאָדל־פאַבריק, איז אַ סך וויכטיקער ווי אַהיימקומען פון אַזאַ ישיבה און שטאַכן מיט דער נאָדל די גמרא און ווייזן קינצשטיקן אין בית־מדרש און דער נאָך ענדיקט מען, ווער ווייסט . . .“

ישראל יצחק האָט געפילט, אַז דער טאַטע טאָר ווייטער נישט ריידן : „חיים בעריש, כ׳גלויב מיר מוז זיך צואיילן, דער צוג וועט אויף אונז נישט וואַרטן“.

ביים וועלן נעמען דעם טאַטנס רייזע טאַש נאָכצוטראָגן צו דער באַן האָט דער טאַטע זי מיר אַרויסגענומען פון דער האַנט : „די מאַמע בלייבט דאָך אַליין אין דער היים“. אָבער איך האָב דאָך געשפּירט, אַז ס׳איז נישט נאָר דאָס אַליין...

* * *

די נייע היים האָט געהאַט אַ סך מעלות : ס׳איז נישט נאָר געווען וואַסער אין שטוב, עלעקטריש ליכט, איין דריי ביים קראַן, אַ דריק ביים קנעפּל. מיר זיינען אָבער געבליבן זיצן אין טונקלען בין־השמשות ביז אינגאַנצן איינגעהילט געוואָרן אין פינסטערניש. מיר זיינען געזעסן אַזוי ווער ווייסט ווילאַנג, אָן שום געדאַנק, אין זיך אַזוי פאַרזינקען, איינגעוועבט אין דעם שוועבנדיקן עפּל־ריח פונם וועש־שענקל און אין דעם טוכלען פון דער ספרים־שאַנק וואָס ציט זיך פון דער שלאָף־שטוב דורך דער אָפּגעלאָזענער טיר ; אַט האָט ווי אַ ווייע געטון דער איינער געריך און אַט דער צווייטער, ווי זיי וואָלטן זיך געראַנגלט צווישן זיך . . . „קאַפּ־קאַפּ“, „קאַפּ־קאַפּ“, האָט די שטילקייט איבערגעריסן דאָס





דער גאַנצער טונקל האָט באַקומען די מאַמעס פנים : „ווי כ׳האָב מיך דערשראָקן, ווען דו ביזט אַריינגעקומען . . . אָבער דער טאַטע פריער האָט זיך נאָך מער דערשראָקן . . . ווער איז דער העגעכל“ ?

„מאַמע, ווען דו וואָלסט געזען די יינגלעך וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען דאָ פונם טויער . . . איך בין אַצינד נאָך אַסך קלענער . . . כ׳וועל ליגן מיט פנים צו דער וואַנט, גאַנץ איינגעקורטשעט אין דער פינסטערניש, ווען כ׳וועל שלאָפן מיטן טאַטן . . .“

די מאַמעס קול האָט געציטערט : „ווי כ׳האָב מורא פאַר דיר ווען כ׳וואָלט געוווסט וויאַזוי דיך צו באַשיצן, וי דעמלט, ווען כ׳האָב דיך נאָך געטראָגן אין מיר . . . דו רעדסט עפּעס אַזוי מאָדנע ווערטער . . .“

„קאַפּ־קאַפּ, קאַפּ־קאַפּ“, ווען נישט דאָס טראָפּן פונם קראַן וואָלט איך שוין אינגאַנצן נישט עקסיסטירט.

מיטן קלאַפּ פון דער פודלע איז אסתר מיט צימלען אַריינגעפאַלן אין דער פינסטערער שטוב. איין דריי ביים קנעפּל און ס׳איז בלענדיק ליכטיק : „ס׳זעט דאָך דאָ אויס ווי נאָך שלוש־סעודות, „האָט צימעלע מיט פריילעכקייט און מיט זעלבסט־באַוווסקייט אין מיט קוראַזש אויסגעשריגן האָב אַ גאַנץ אַנדערע צימעלע... איך דערזען די גרויסע היטן־פידלע פון דער מאַרקוספעלד פאַבריק מיט היים־אַרבעט און די מאַמעס אויספגעשראָקענעם פאַרמרוזשעט בליק און מיר האָט זיך געדוכט אַז איך הער ווי איר ליפּן שעפּטשען : „גאָט פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב, באַשירעם און באַשיץ דיין פאָלק ישראל...“

## ש. טענענבוים

# זלמן שניאורס אויגן

איך געדענק אַזוי ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען ווי זלמן שניאור האָט איינמאָל, אין אַן אָוונט, אין דער היים פון אַ פריינט, געפליקט מיט זיין קעניגלעך־געשניצטער, אַלאַבאַסטערדיק־ווייסער האַנט, די פעטע, וויניקע און שאַמפּאַניערדיק־שווער באַלאַדענע ווייַנטרויבן, אַזוי ווי בראַנזענע, און זיי געלייגט אין זיין שיינעם און הנעוודיקן מויל אַריין. רייצנדיקע פרויען אַרום האָבן גיריקע אים אָנגעקוקט . . . איך האָב דערביי געטראַכט :

— זיינע גרויסע אויגן לויכטן אַזוי ווי די ווייַנטרויבן אין דעם גרויסן טאַל מיט פירות, וואָס הייס און העליש פייער איז אין זיי פאַרבאָרגן . . .

## כתר תורה

אין יידישן מוזעאום באַטראַכט איך תמיד די רואיקע מעשענע און קופּערנע קרוינען, באַזעצטע מיט באַשיידענע איידלשטיינער. דאָס איז דאָך דער היסטאָרישער יידישער מאָנאַרכיזם פון ר׳ שמואל הנביא . . . די פאַרמעטענע תורה איז דער יידישער קיסר, אָנגעטון אין אַ סאַמעטענעם מענטעלע און שטיל אָפּגעהיטן פון צניעותדיקע לייבן — ממש יידישע גזלנים אין היימישן יידישן וואַלד און פאָלקלאָר. די הייליקע אותיות פון דער תורה, דורך די הענט פון ציכטיקע סופרים אַריינגעשריבן, איז די יידישע אַרמיי. און דאָס איז באמת

א גרויסארטיקער קיסר מיט א געוואלדיקער יידישער ארמיי . . . דער דאזיקער קיסר איז נאך קיין שום גידעריקן פארברעכן נישט באגאנגען. קיין שום לעבעדיקער בירגער איז, חלילה, נישט אומגעבראכט געווארן אין זיינע מלחמות. ער האט נאך קיינמאל נישט פארטריפט קיין טראפן מענטשלעך בלוט. דאס איז דער סאמע הארטסטער קעניג פון אלע פעלקער אין גאר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט . . .

## חנה און נטע קאופמאן

מיר דאנקען אלע אונזערע פריינט און די חברים פון בונד פאר זייערע באגריסונגען לכבוד אונזער גאלדענע חתונה. ביי דער געלעגנהייט באשטייערן מיר זיך מיט 5 פונט פאר „לשון און לעבן“. חנה און נטע קאופמאן

די רעדאַקציע באטייליקט זיך אין די באגריסונגען ווינטש די פריינט חנה און נטע קאופמאן: „עד מאה ועשרים שנה“.


## אייער האלידעי אדער קאנוואלעסענס

קענט איר האבן

אין דער **רעסט-האום** פון ארבעטער־רינג אין ליטלהעמפטן

דאס הויז האט מען ווידער געברענגט אין בעסטער ארדנונג

מיט פריוואטע צימערן

ווענדט אייך צום

Apply: Phone: AMHurst 1103

General Secretary,
Workers' Circle Friendly Society,
13, Sylvester Path,
Hackney, London, E.8.

---

## „די אידישע שטימע“

**די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראַך אין דעם לאַנד.**

THE JEWISH VOICE LTD.

**11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1.** Phone: **BIS. 9804**

---


## יידיש ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראַן סעטלמענט א.1. — 3 אזייגער**

שבת, דעם 13/סטן אפריל חול מועד פסח — ווי אלע יאר די טראַדיציאָנעלע פרץ־יאָרצייט — עס באטייליקן זיך י. ביעטש, מ. מינדעל, נעט רובין, אייזיק גאלדבערג און מאיר באגדאנסקי.

שבת, דעם 20/סטן — לייענען פון חורבן ליטעראַטור.

שבת, דעם 27/סטן — געווידמעט דעם יידישן פאָלקס ליד.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 5־6 (העפט 379־80) פיר און צוואנציקסטן יאָר מאי־יוני 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט:


אונזער יידישע אחריותדקייט ........ ** 1
חסידיזם (יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע) ........ י. ריכטיגער 3
„פוסיקינס“ די קאַץ (דערציילונג) ........ י. ביעטש 5
א פיקניק אין עפינג פאָרעסט (סקיצע) ........ דוד בערמאַן 9
שלמה אויערבאך ז״ל ........ ש. י. האַרענדאָרף 11
שלמה אויערבאכ׳ס באציאונג צו יידיש ........ אייזיק גאלדבערג 13
אַ טאָרטור־טור (א טאג־בוך אין גראַם אין ליד) ........ א. נ. שטענצל 14
יצחק בן צבי (נעקראלאג) ........ עלי זילבערג
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאג ........ 50



---

## „די אידישע שטימע“

**די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראַך אין דעם לאַנד.**

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: **BIS. 9804**

---



**פרייז 2 שילינג**

אבאָנאַמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

---

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*